ה ב = ה ב - |האוו=האוו| - פר.

1. (לל) גיב=גיב!

|לויט משלי, ל - ט"ו|.

1883 " ער |דער ממונה איבערן גיהנים| שרייט תמיד הב, הב,

גיב מיר די לייט אין גיהנום אריין". 2

אנ, נופת צופים, 2, 128.

1931 " דערנאך שלעפט זיך נאך אן אדוואקאט, און ס'שלעפן

זיך נאך |...| אנדערע טובה=טוערס, חשובים ביי די אדונים... 1

אלע שרייען הב=הב!".

זילבערבוש, 3, 47.

2. וועגן א קמצן, א קארגן, א זשעדנע מענטשן |סטוטש 505|.

/7 ער/זי זאגט (מאנט) הב, הב, ווי דער גיהנום - ער/זי

האלט אין איין פאדערן: גיב, גיב! אזוי עס ווערט א גיהנום 1/2

|טשערניאק, פער 90, נ' !!XXV- 3, ז' 84|.

ה ב א |האבא| - (לק) טייטש: וואס קומט. אין יידיש גייט עס

אריין אין א צאל פראזע: (זבז).

הבא להרגך (השכם והרגן) |האבא לעהארגעכא,

האשקעם וועהארגוי| – ווער ס'קומט דיך צו הארגענען,

זאלסטו זיך פעדערן אים צו הארגענען – (לל)

א מאמר חז"ל | ברכות, נ"ח, ע"א|, וואס ווייזט אן אויפן

רעכט פון זעלבסט=פארטיידיקונג.

1898 " נא, אז עס איז אזוי, נעמט אים דער רוח! – זאגט נחום

5 שוסטער – איר ווייסט, ווי מע זאגט: הבא להרגך,

שמארגים נאזאד |=זאל מען צוריק שלאגן|!".

אויזערקעס, 1, 81.

1960 " |...| זיך באשיצט נאר, נישט אנגעפאלן

6 הבא להרגך, דער וואס קומט דיך הרגענען, השכם להרגו,

פעדער זיך און הרגע אים |...|".

סימאן, 2.

(?נ?) ה ב א ל ט ה ר מ ס יי ע י ן ל ו |האבא לעטאהער מעסאיעין לו| -

(לל) דער וואס קומט זיך ריינוואשן, דארף מען אים צוהעלפן

|שבת, קדי|.

1817 " |...| דען מען העלפט אים פון הימל צו שטארקין אים

8 אין גאטש (יראה) ווי אונזרי הכמים האבן גיזאגט

(הבא לטהר מסייעין לו) דער וואש וויל זיך מטהר זיין

העלפט מען פון הימל".

איבן אנ, ספר חסידים, סימן ז׳.

הבא נתחכמה | האווא ניסכאקמא | - טייטש: קומט לאמיר
זיך קליגן (שמות, א - י׳), געמיינט: לאמיר געפינען
אן עצה, א מיטל ווי יענעם בייצוקומען, זיך קעגנצושטעלן.

1873 " הבה נתחכמה לו! - דאס טייטש, לאמיר, ברידער,
76 צו דעם פרינץ זיך קליגן און אים אפטאן אויף טערקיש".
מענדעלע, 1, קאנק 50970.

1904 " קינדער, וואס שווייגט איר אים? - האט זיך אנגערופן
76/1 איינער - הבה נתחכמה! - רופט זיך אן נאך איינער -
לאמיר אים דורכברעכן די ביינער |...|".
שלום=עליכם, 34, דערצ׳ "געצל".

1959 " מען קען נישט נעמען א פאלק |...| און עס סתם
73 אויסראטן. פריער מוז מען עס איבערקליגן (הבה נתחכמה)".
מ. ראגיל, פער 9, פסח=נומער, ז׳ 3.

ה ב א ע ל ה ח ת ו ם - (לל) דער אונטן אונטערגעשריבענער,

קומט ס'רוב אין אן אפיציעלן דאקומענט,(געניצט אין ר"ת:הבע"ח).

הבא על העריות |האבא אל האאראיעס| - (לל)

וואס האט געשלעכטלעכע באציונגען, וואס זענען אסור.

1906 "|...| א טינטער מיט רויט זודיק בלוט, אפגעצאפט

14 פון הבא על העריות|...|".

פרץ, 17.

ה ב א  ע ל י נ ו  ל ט ו ב ה| האבא אליינו לעטויווע| -

וואס וועט קומען אויף אונדז צום גוטן. געזאגט ווען מאן דערמאנט א קומענדיקע דאטע געשעעניש, יום=טוב אד"גל. (איך ר"ת (הבע"ל).

% אויף פסח,<u>הבא עלינו לטובה</u>,וועל איך קומען צו גאסט.

1868 " פורים <u>הבע"ל</u> זאלט איר |...| שיקן קיין באקאוו,
מען זאל אים |דעם שוחט| כאפן מין אן אשת=איש". 10
<u>פער 177, נ׳ 15, ז׳ 111</u>.

ם 1732 " |...| הוט ער ביתי |...| פארקויפט |...| והמעות
ערשטליך לאח ה"ה <u>הבע"ל</u> זאלן צאהלט וועררדין |...|". 16
<u>אגרת שלמה, דף י"ד.</u>

ה ב ד ל  -  |העוודל|  -  דער, =ים |העוודיילים| -(לל)

אונטערשייד, חילוק.

% ס'איז א הבדל ווי פון טאג צו נאכט.

1963 " ווען מען אנאליזירט |...| די איצטיקע ליטעראטור,

|...| זעט מען |...| ווי פארבונדן זי איז, טראץ אלע הבדלים

און ווייטקייטן פון לאנד, קאנטינענט, פאלק".

י. האפער, פער 9, ראש=השנה=נומער.

1964 " א קינד קאן דאך איינזען די פשוטקייט פון

דעם דאזיקן הבדל |...|".

א. א. ראבאק, 1.

ה ב ד ל ה |האוודאלע| - די, =ות |האוודאלעס|.

1. (לל) אונטערשייד, אפזונדערונג.

1957 " ס'איז |...| געווען א הבדלה צווישן וועלט און וועלט - צווישן דער אונטערשטער וועלט און דער אייבערשטער|...|". 49
ה. צייטלין, 1, 180.

2. דער אפשייד, ד"ה דאס פונאנדערטיילן דעם הייליקן שבת פון די אנקומענדיקע וואכעדיקע טעג, קומט פאר ווען ס'ענדיקט זיך דער שבת, באשטייט אין פייערלעכן אנצינדן ליכט מיט ברכות איבער די ליכט און איבער א כוס ווייך, מיט שמעקן בשמים און מיט די געהעריקע תפילות און מזמורים; ס'איז אויך געווען א מינהג צו מאכן א באזונדער מאלצייט שבת=צו=נאכט (מלווה=מלכה - דאס ארויסבאלייטן די מלכה שבת).

% מאכן הבדלה. נאך הבדלה האט מען געמאכט א סעודה מיט א מילכיקן בארשט און קארטאפל.

1868 " דער טאטע פלעגט אלע שבתות צו נאכט נאך <u>הבדלה</u>
49/1 שרייבן דעם לייסטער, וואס די מאמע האט א גאנצן שבת געשענקט."
<u>אנ, דער אקציזניק, ז׳ 3</u>.

1888 " דער שווער מיטן מאן וועלן קומען פון שול און וועלן
50 אפמאכן <u>הבדלה</u>".
<u>שלום=עליכם, 22, 228</u>.

1929 " איך פלעג האלטן די וועקסענע הבדלה ביי <u>הבדלה</u> מאכן|...|"
33 <u>צ.י. ווינער, 1, 92</u>.

1967 " נאך <u>הבדלה</u> איז געווארן די אמתע איילעניש. דער דיין
28 האט קוים א שמעק געטאן די בשמים און גיך אפגעפטרט
׳אל תארא עבדי יעקב׳".
<u>ש. איזבאן, פער 9, IV/ 21</u>.

3. דאס ליכט, וואס מע צינדט אן צו הבדלה, ס'רוב געפלאכטן.

% אנצינדן די <u>הבדלה</u>. מאכן א ברכה איבער דער <u>הבדלה</u>.

1868 " אויף א באזונדערן טיש זיינען געשטאנען פיר גרויסע
זילבערנע לייכטער מיט פיר גרויסע געגילטע <u>הבדלות</u>". 34/1

<u>דיק, 14</u>.

1900 " און וואס עס פאלט אראפ פון די <u>הבדלות</u> מיט די
סטאטשיקעס, געהער צו מיר - דאס איז מיין הכנסה". 40

<u>שלום=עליכם, 19,20</u>.

1930 " |...| באלד לעשט דער טאטע די <u>הבדלה</u> |...|".

<u>ווייסענבערג, 9, ב' II, ז' 153</u>. 19

4. גרויסע ליכט, וואס מע פלעגט ברענען ביי פארשיידענע
צערעמאניעס (חתונות, שמחת=תורה א"א), אויך שטורקאץ=פייערן.

<u>פלעכטן הבדלות</u>

1868 " |...| אירע אויגן |...| האבן געברענט ווי צוויי
43 פאקלען (הבדלות)".
דיק, 20, 9.

19... " ווי א הבדלה ברענט א שטיבל, ווארפט ארויס עטלעכע
34 שטארק רויטע צונגען |...|".
שלום=עליכם, 35, 114.

1932 " |...| ייִנגלעך האבן ליכט=הבדלות און פארביקע
31 לאמטערנדלעך אקעגנגעטראגן".
י.י. זינגער, 5א, 65.

1948 " |...| חכמים פון דער וועלט און צדיקים מיט קרוינען
אויף די קעפ און מיט הבדלות אין די הענט וועלן האבן
דעם געזאלבטן אין דער מיט און די גאנצע וועלט וועט
זיי נאכגיין".
נסתר, 6, 79.

ה- בּרענען ווי א הבדלה - בּרענען ליכטיק, שטארק.

לאלף אלפי הבדלות |לעעלעף אלפּיי האוודאלעס| - ווען בּיים רעדן/דרייבּן ווערן פערמאנט צוויי זאכן, א הייליקע און היט=הייליקע אדער א טומאה.

% פון איין זייט מארק פון שטעטל שטייט דער בּית=מדרש און פון דער אנדערער, לאלף אלפּי הבדלות, דער קלויסטער.

1867 " |...| דער ערל, |...| דער כּפרהניק, דער ישמעאל הייבּט זיך אויף און גייט און נעמט דעם טאראראם אין די ידים אריין און ציט אים אויס, א שטייגער ווי, להבדיל אלפּי הבדלות, דער אלטער מגיד ציט אויס דעם לולב ביי דער לעצטער הושענא |...|".

לינעצקי, פּער 177, נ׳ 19, ז׳ 148.

ם ----→ 1.

|?1474| " דש די איין ורשטופּפט הערץ אופנשט=נים דש כּלי ווען מאן הבדלה מכט אין די לינק הנט אונ׳ שפּריך |...|". ס׳ הרפואות.

1723 " שלש סעודות צו מאכין פר געס ניט // און קידוש
**והבדלה** מאכין איבר ווייין". 32

שמחת הנפש, II, דף ב׳.

18.2 <----

1740 " אום פרייטג איז דיא מילה גיוועזן |...| מן דז קינד
טראגט צו יודשן מיט **הבדלות** |...| איין דיא שול אריין |...|". 45

איין שין וואונדרליך מעשה פון איינר כלה |...|".

ה ב ד ל ה = ... – באשטימטייל פון צונויפזאצן מיטן באטייט: פון הבדלה, שייכדיק צו הבדלה.

% הבדלה=ווייַן, הבדלה=ליכט.

ה ב ד ל ה = ב ש מ י ם |~ בסאמים| - די, מצ.

געווירצן, וואס מע שמעקט ביים מאכן די הבדלה.

1959 " פאמעלעכן |טעקסט: פאמעליכל| האבן זיי די דומפעכצן|

52 פון זיך ארויסגעגעבן א ריח, וואס האט ר' משהן דערמאנט

אין די הבדלה=בשמים פון מוצאי=שבת=קודש".

י.י. טרונק, פער 68, VI /4.

ה ב ד ל ה = ו ו י י ן - דער, =ן. ווייַן איבער וועלכן מע מאַכט קידוש ביי דער הבדלה.(ס'איז אויך געווען אַ מינהג אויסצוגיסן אַ ביסל ווייַן פֿון כּוס אויפֿן טיש און דערנאָך איינטונקען אַ פֿינגער אין ווייַן און די פֿינגער אַרייַנלייגן אין די קעשענעס, פֿאַר אַ סימן פֿון שפֿע אין דער קומענדיקער וואָך).

1959 " די דריי מקובלים האָבן אַרייַנגעשטעקט זייערע פֿינגער אין די שמעקעדיקע קאַלוזשעס הבדלה=ווייַן |...| וואָס אויפֿן טיש". 54

י.י. טרונק, פּער 68, .19/XII

ה ב ד ל ה = ח ל ה |~ כאַלע| - די, =ות|כאַלעס|

א געפלאכטענע חלה. פאר דער סעודה מוצאי=שבת.

1920 " אין בעסאראביען ווידער באקט מען נאך א 'הבדלה=חלה',
געפלאכטן ווי א הבדלה, דאס איז ספעציעל צו דער מלווה=מלכה". 57

עלזעט, 2ב, 38.

ה ב ד ל ה = ל י כ ט - דאס/די, מצ דן. א גרויס געפלאכטן ליכט איבער וועלכן מע מאכט הבדלה.

1914 " |...| האט ארויסגענומען פון הינטערן שפיגל א גרויסע געפלאכטענע הבדלה=ליכט - וועסטו זי הויך האלטן, וועסטו 59
באקומען א הויכע כלה".

מ. ריבקין, 1, 24.

הבדלה=ליכט.

1752 " |...| ווען גלייך א ין אנדרן מוצאי יום=טוב נעמט מן קיין ליכט צו הבדלה אן (מוצאי יום כפור) נעמט מן איין 60
הבדלה ליכט אונ' דש יום כפור ליכט דערצו אונ' מאכט איבר אלי ביידי ליכט הבדלה".

ס' עץ חיים, דף ס"א.

ה ב ד ל ה = מ אַ כ ע ר - דער, =ס.

1. דער וואס מאכט הבדלה.

2. (שָלש) אן אונטערציינדער.

1894 " בירא מאורי האש איז זייער א טייערע ברכה,// דער

מוצלח ברענט, ער גייט ארום אן א זין,// און דער הבדלה=מאכער 65

שטייט מיטן פנים אהין".

צווייפל, 4, 39.

ה ב ד ל ה = ק ע ר צ ( ע ) - די, =ס.(עלפ) הבדלה=ליכט
|זען יידיש!| .

ם
הבדלה קערץ.

1701 " מיר האבן גלערנט דאש דיא זעלביגי ליכט האבן גברענט
67 ביז מן דיא הבדלה קערץ האט פון דיא לאמפא אן גצונדן |...|".
מעשה=בוך, מעשה ל"ו.

1723 " מן בזיכט דיא נעגיל פון דער לינקי הנט בייא
68 דער הבדלה קערץ |...|".
ס' המנהגים, דף ג.

ה ב ד ל ה = ש ט ר יי מ ל - דאס, =ער. דאס וואכעדיקע
שטריימל, וואס מע פלעגט שוין אנטאן ביים הבדלה=מאכן.

1870 " דער רבי האט נאך רעכט ניט אומגעקערט דאס הבדלה=שטריימל
71 וואס האט זיך שטארק פאררוקט |...| בשעת הבדלה |...|".
מ. דלוגאטש, פער 177, נ' 24, ז' 173.

## הבדלות=פלעכטערין - די, =ס.

א יידענע, וואס האט זיך באשעפטיקט מיט מאכן הבדלה=ליכט.

1911 " א שטעטל מיט א רב, מיט א רביצין, א תחינה=זאגערין,
הבדלות=פלעכטערין, |...| קנעטלעך=לייגערין, קברות=מעסטערין|...|" 66
מוירער, 1, 3.

(?נ?) ה ב ו ח ן ו ב ו ד ק |האבויכן אובוידעק| ג-ע נ ד ז ע נ ע

ס ט ר ו נ ע ס – פאראדיש אויף דעם פסוק:

"הבוחן ובודק גנזי נסתרות". טייטש: "דער וואס פארשט

דאָס טיף פארבארגענע". ראש השנה=פיוט "וכל מאמינים שהוא"),

גן אנצוהערעניש אויף די גראבע יונגען וואס האבן קיין

עברי ניט געקאנט, בפרט די פיוטים.

ה ב ו ק ר  א ו ר |האבויקער אויר| - טייטש: דער מארגן
האט אויפגעלויכטן(בראשית, מצ - ג),געמיינט:
ס׳איז געווארן טאג.

1868 " <u>הבוקר אור</u>,און דאן ווי עס האט אויסגעזאגט |...|".
<u>דיק, 35, 37.</u> 82

1881 " <u>הבוקר אור</u>,עס איז נאר געווארן ליכטיק - מארש
די מאנסבילן אין בית=מדרש, די ווייבער אויפן מארק". 80
<u>שאצקעס, 1, 46.</u>

1900 " <u>הבוקר אור</u> |...| האט זיך אונדזער שניידער געפערדערט,
אויפגעשטאנען און אפגעדאוונט |...|". 81
<u>שלום=עליכם, 27, 5.</u>

ה ב ח ו ר ה ז ע צ ע ר |האבאכער(א)זעצער| - דער, בא.

(איר) וועגן דעם זעצער פון דרוקעריי, וואס מאכט גרייזן
אין זאץ אדער אויף וועמען מע לייגט ארויף די שולד פאר
די דרוקפעלערן.

% דער שרייבער איז ניט שולדיק אין די גראבע גרייזן,
ס'איז דער בחור הזעצער.

(?נ?) ה ב ח נ ה, |האווכאנע| - די, בא. (לל) דאס קאנטראלירן, עקזאמענירן, אונטערשיידן.

1964 " זי |מ. ספעקטארס פרוי| פארבינדט איר מאנס אביעקטיווקייט מיט א פיינער הומאריסטישער הבחנה".

אהרן צייטלין, פער 69, !!!/7.

ה ב ט ח ה |האווטאכע| - די, =ות.|האווטאכעס|. (לל)

צוזאג, פארזיכערונג.

% געבן א הבטחה. מקיים זיין א הבטחה. אויף יענעמס
הבטחות קאן מען זיך ניט פארלאזן.

1875 " |...| האר, געדענק אצינד דיין הבטחה,// וואס
89 נעסט |האסטו| צוגעזאגט פאר דער מלאכה.// דו זאלסט
אצינד מיך ארויסלאזן פריי".
מענדעלע, 19, 79.

1919 " |...| די רוסישע רעגירונג בכלל |איז| ניט דער צד,
109 אויף וועמעס ווערטער און הבטחות מען קאן וואס עס איז בויען!!
זשיטלאווסקי, 9, 15.

1938 " |...| זי האט געלאכט פון אים און זיינע טאג=טעגלעכע
97 הבטחות. זי האט נישט געגלייבט אים אים".
זינגער, 7, 283.

1953 " איך ציוניזם זע איך די הבטחה, אז מיר קענען
מיט דער צייט פטור ווערן פון דער קיום= און המשך=פראגע". 98
ח. גרינבערג, 2, 142.

קארמענען מיט הבטחות - געבן א סך צוזאגן אבער זיי
ניט אויספירן.

שור: א הבטחה איז גוט, ווען מע באקומט זי פון א בטוח.
פון הבטחות ווערט מען ניט זאט.

□ 1626 " |...| ווען דו גוט זולשט דיין הבטחה מקיים זיין
(וידוי) דא מעכטן לובן די הימל (פלאך) דייני וואונדר". 94
ס' המגיד 1, תהילים, פט - ו'.

1716 " |...| גאטש נאמן דער גטרייא איז אונ' ווארהפטיג
צו בשטעטיגן זיין הבטחה דז ער פר זיכרט האט". 93
ס' המגיד, 3, ישעיה, מט - ז.

ה ב ל |העוועל| I - נאמען פון אדם=הראשונס יינגערן זון.

% קין האט דערהרגעט הבלן.

1941 " און הבל איז געווען א פאסטעך פון שאף".

תרגום יהואש, בראשית, 3 - 1. 126

... " |...| דו ווייסט דאך - פון הבל און יצחק איך שטאם,//

פון הבל דעם תם און פון יצחק דעם |דער| לאם". 126

ה. לייוויק, ציט ש. ניגער, 7, 394.

ה ב ל |העוו(ע)ל| II! - דער, =ים |האוואלים|.

1. נישטיקייט, פוסטע (אומבאטייטיקע, אומווערטיקע) זאכן/ענינים, נארישקייטן, אבסורד.

1849 " פון דיינע משפטים האבן מיר אפגעקערט, אין דעם הבל

117 פון דער וועלט זענען מיר פארנארעשט געווארן".

הנובר, 1, 231.

1901 " איך בעט זייער מיינע זין מיט די איידעמס, זיי זאלן

132 זיך נישט אין גאנצן ארייננטון איגעם הבל |...| וועלן זיין

גרויסע סוחרים, ווייל וואס גרעסער דער סוחר, איז קלענער דער וואר."

פרץ, 7, 177.

1971 " געדענק ווייל, אז אלע אונדזערע טעג זענען הבל,

115 נאר יעדער מענטש דארף דערפון ארויסציען |...| חיי=עולם,

יעדער מענטש ווערדליך זיין מדרגה".

ב. רעסלער, פער XI/26.

0 **הבל=הבלים** - (עמפאטיש) דזוו דפוו. גארנישט מיט נישט.

1832 " |...| פון וועגן זיין זכות זאל גאט זיך מרחם זיין
איבר זייני קינדר זייא זאלן לעבין אויף דער וועלט וואש
זיא איז הבל הבלים".
איב אנ, מחזור, 2, דף כ"ח.

... " ווי זאגט דוד המלך: הבל=הבלים, א נארישע וועלט און
א פאלשע".
שלום=עליכם, טביה |...|.

1907 " |...| גראפט צו גיין מיט דעם וועג, וואס גאט הייסט
גיין יעדן מענטשן, וועלכער פארשטייט, אז די וועלט איז 146
נאר הבל=הבלים".
י. גארדין, 2א, ערשטער אקט.

1924 " אלץ איז פוסט ארום, נישטיק און שטויביק,// ס'איז
א גאלדענער הבל=הבלים". 143
ניידוס, 3, 44.

1971 " |...| צי גאר דעם לויף און געיעג איך מוח צו
דערכאפן, דעריאגן - דעם הבל=הבלים פון דעם מאקאברישן
בינעשפיל |...|".
דלוזשנאווסקי, פער 166, X/1.

7/ שוו:

הבל=הבלים, די וועלט איז א חלום. קייען איז ניט הבל.
(וואריאנטן: הבל הבל, נאר קין איז ניט הבל;
הבל איז נאריש, קייען איז דער עיקר;
הכל הבל און גארניט צו קייען.
|די ווערטלעך זענען געבויט אויף די ווארטשפּילן:
קין - קייען, הבל=נארישקייטן און הבל=קינס ברודער|.

ם |1685?| " |...| איין טייל לייט לאזן זיך אלז אוועק
שאבן |פון דער בארד| לאזן נייארט שטין איין קליין שמאל 134
שנירליין אלז איין פאדום |...| זיא ווילן כלומר ווייזן

זיא זיינען ניט עובר אויף הש"י זייך גיבאט אונ' דאז איז
איין רעכטר הבל".

דרך הישר לעולם הבא, דף ע"ג.

1723 " |...| וואו ניט האבין מחלוקת מחמת קנאה אונ' אנדרי
הבלים זאכן,// קומט פסח טוט איטליכר זיך איין בזונדרן 152
עירוב מאכין".

שמחת הנפש !!, דף י"ז.

1743 " |...| אונ' דיא לייט האבן זיך גיוויגט צו לייאנן
היסטארים אונ' אנדרי זאכן דיא לויטר(הבל הבלים 152/1
ושקרים) זייך".

יוסיפון, 4, הקדמה.

הבלי=הזמן |האוולייי = האזמאן| - (לל) פארגייענדיקע,
אומדויערדיקע זאכן/ענינים, נישטיקייטן פון דער (ערדישער
וועלט (למשל, מאטעריעלע ווערטן, פארוויילונגען אד"גל).

1919 "|...| דערמאנט זיך אין בורא, פארגעסט נישט דעם אמת
דורך די הבלי=הזמן".
זאלער, 1, 111.

... " אפציען די געדאנקען פון די הבלי=הזמן און ארייגציען
155 אים אין געפיל פון תורה ומעשים=טובים".
איבז אנ, מחזור, 6, 35.

הבל עולם (=הזה) - |~ אוילעם (האזע)| - דזוו דפוו.

1863 " ווי צו אונדז, וואס מיר זענען נאכגעגאנגען נאך
158 הבלי=עולם און מיר האבן ניט געלייענט קיין קריאת=שמע
בכוונה".
איבז אנ, נופת צופים, 1, 266.

1912 "|...| ווי אלע |איז ער| א בשר=ודעם מיט איינערליי
161 באדערפענישן און דאך ניט ווי אלע, ניט ארייגעטאן אין
הבלי=עולם=הזה".
מענדעלע, 24, 25.

3? ה-

1949 " |...| אן אסקעט |...| האט ער גאנצע טעג פארבראכט אין

תפילות און תעניתים, ,ייענדיק אין גאנצן אויסגעטאן פון 162

הבלי=עולם=הזה".

מ. באכנער, יזב 9, 57.

ה ב ל ג ה |האוולאגע| – די, בא. (רעג, ישראל) דאס איינהאלטן זיך, באהערשן קעגן געוואלט.

% דער יישוב אין ארץ=ישראל האט אנגענומען די שיטה פון הבלגה, ניט צו ענטפערן מיט פארצווייפלטע שריט קעגן דער מאנדאטן=מאכט.

ה ב ל ד י ק |העוולדיק| - אדי/אדוו.

1. נישטיק, נאריש, אומווערטיק, אבסורדאל.

% דער מענטש האט אפגעלעבט א הבלדיק לעבן, גארניט אויפגעטאן.

... " מיין שטעטל |...| חלומט דעם חלום פון ברויט און

פוטער, פון קאווע מיט סמעטענע און אנדערע הבלדיקע

זאכן |...|".

נאדיר, דערצ' מיין ערשטער ראמאן.

1971 " דער רב |...| פאטשט הבלדיק דעם פארנאכט אין

מיינע אויגן |...|". 137

ש. שווארץ, 1, 67.

ה ב ל = ה ב ל י מ ד י ק |העוול=האוואלימדיק| - <u>אדי/אדוו</u>.

1. (<u>עמפ</u>) <u>דזוו</u> <u>הבלדיק</u>.

2. פעסימיסטיש, סקעפטיש.

1913 " |...| אפשר איז מיר גאר דענסטמאל גלאט אזוי,

אומעטיק און <u>הבל=הבלימדיק</u> אויף דער נשמה געווען?".

<u>בערגעלסאן, נאך אלעמען</u>.

1958 ""א|...| פיעסע וואס איז אפשר צוגעפאסט פאר דעם |...|

אומהיימלעך נאקעטן, הבל=הבלימדיקן עקזיסטענציאנאליסטישן 142

ניהיליזם".

<u>מ. גראסמאן, פער 47, אדר, ז' 3</u>.

ה ב ל נ י צ ע |העוועלניצע| - די, =ס. ווע צו הבלניק.

1881 " |...| זי איז פון די אלטע הבלניצעס, וואס ווייגען

166 אלע טאג |...|".

סאפיר, 1, 87.

ה ב ל נ י ק |העוועלניק| - דער, =עס.

1. (פעיא) וועגן א מענטש פון א שפלער מדרגה, א גארנישט, וואס פארנעמט זיך מיט פוסטע זאכן.

1873 " וואס זענען דען יענע בטלנים, יענע הבלניקעס? - דאס זענען מענטשן, וואס זיי איז אוממיגלעך אנדערש צו לעבן".

מענדעלע, 1, קאנק 297940.

2. "א פרומער קריסט, גלייבט אין נארישקייט".

|י. טשענ?אק, פער 90, נ' XXVII - 3|.

ה ב ל ע ן |העוולען| - <u>אוטוו</u>.

1. פטרן די צייט אויף נישטיקע ענינים, לעבן מיט די נישטיקייט פון דער (ערדישער) וועלט, אן גייסטיקע ווערטן.

2. דורכקומען, איבערקומען דאס לעבן.

% הכל הבל -און <u>געהבלט</u> מוז דאך <u>ווערן</u> (שוו).

3. (<u>שנש</u>)זיין דער קרבן.

1966 " |...| געגנוג אויף דער שוין <u>געהבלט</u> און געקינט |...|".

<u>נ.ה. קאן, 1, 56.</u> 170

הבנה |האוואנע| - דף, בא. (לל) פארשטאנדיקייט,
פעיקייט צו באנעמען מיט שכל.

% דאס קינד האט שוין די הבנה פון א דערוואקסענעם.
צוהערן זיך מיט הבנה.

1864 " אפילו איין קינד וואס נאך גאר קיין הבנה האט,
178 איז אים אויך אסור צו געבן צו עסן, וואס אסור איז".
א. ברודא, 1, דף ל"ה.

1902 " ער איז געפאלן אויף דער הבנה צו מאכן מיט מיר
175 קאנקורענץ |...|".
איבז, אקשאנסקי, 1, 22.

1931 " |...| ער האט געהאט א שיינע הבנה |...|".
180 קולבאק, 8, 10.

1955 " מינקאוו האט א גרויסע ידיעה און א טיפע הבנה
177 אין דער וועלט=ליטעראטור".
י. האפער, פער 38, נ' 22, ז' 95.

ם 1752 " מען מוז גרושי (הבנה) אונ גרושי כוונה האבן

176 צו דעם חלף בודק צו זיין".

ס' עץ חיים, דף כ'.

ה ב נ ה ד י ק |האוואנעדיק| - אדי/אדוו. (צל) שכלדיק,

פארשטאנדיק.

1951 " אז שימחה=זיסל האט געהערט פון א פרוש א הבנהדיקן

197 טייטש, א שארפן חילוק אין גמרא, פלעגט ער אין התפעלות

זיך נעמן אליין אויסשטייגן".

פ. מארקוס, פער 106, 668.

(?נ?) הבן יקיר לי |האוויין יאקיר לי| - פר. טייטש:

איז מיר טייער מיין זון? (ירמיה, לא, 19| (לל)

געניצט פאראפראזירט: ווי א רוף: מיין טייערער זון!

... " און מיר דאכט זיך, ער ענטפערט מיר: הבן יקיר לי,

190 ביקט מיר א ווילער זון |...|".

מענדעלע, 21 א.

1967 " פון וואנען קומסטו, קאפעלע,// פון וואנען הבן יקיר ליך".

189 אהרן צייטלין, 6, 95.

רעד: מיגלעך טאקע דער רוף "הבן יקיר לי", דא געמיינט

קער זיך אום,מיין טייערער זון.

ה ב נ ע ן |האוונעץ? האווענעץ ?| - בנב.

1890 " ווייניקסטנס א מאל |...| וועט טרעפן |...| פארביי
צוגיין א קלויז אדער ביהמ"ד |=בית=המדרש| און מיר 192
וועלן הערן דעם באקאנטן ניגון פון 'אמר רב פפא',
וועט עס אונדז אין מיטן הבנען |...| דערינערן אין
א גייסטיקער וועלט און וועט אונדז איינרוימען א סוד,
אז מיר זענען יידן".
פער 74, נ' 5, ז' 7.

(?ב?) ה ב ע ל ע |העוועלע| - דאס, =ך. (שלש) בילד אדער סטאטוע פון

יעזוסן אין דעם אויסדרוק פון געוויסע פרומע יידן

(אויפגעקומען אויפן סמך פון א פסוק אין דער תפילה

"עלינו": שהם משתחוים להבל |...| - וואס זיי |די קריסטן|

בוקן זיך צו א נישטיקייט).

(?נ?) ה ב ר א ה |האוראע| - די, בא. (לל) .

. דאס געזונט ווערן, דאס קומען צו די כוחות נאך א קראנקייט; קאנוואלעסצענץ.

0 בית=הבראה | בייס =...| דער, (רעג, ישראל) סאנאטאריע, אברוהויז.

סעודת=הבראה | סודאס=...| - די. דאס ערשטע מאלצייט וואס קרובים אדער שכנים מאַן פאר אן אבל נאך דער קבורה, ווי אן אויסדרוק פון מיטגעפיל און טרייסט.

ה ב ר ה |האוואַרע| - די ,=ות |האוואַרעס|.

1. (לל) אַרויסרייד (איך אַ שפּראַך).

% אַשכנזישע הבֿרה, ספרדישע הבֿרה (פון העברעיִש).

|1926-1931| " גרינ האַט |...| זיך בלויז געוווּנדערט,

ווי אַ מענטש קאָן אַלץ מקריבֿ זיין צוליב אַ שפּראַך, גייט 203

שוין אַרום אַזוי יאָרן איבער ניו=יאָרקער גאַסן און קומט

אומעטום אויס מיט דער 'הבֿרה הספרדית'".

אַפּאַטאַשו, 7, 127.

1932 " און אַז געראָדט יענץ אייזל=לשון=קודש,// איז מוז

מען וויסן, וואָס פאַר אַ הבֿרה,// וואָליניש=אַשכנזיש

אָדער ספרדיש מיט אַ פּתח".

שטיינבערג, משלים 1.משל "צווייִ אייזלען".

1974 " יוסף האט לאהן אויסגעבעסערט און עס ארויסגעזאגט

208 מיט דער ספרדישער הברה".

עלבערג, 2, 274.

2. (לל) טראף, זילב.

1955 " איין ווארט נאר, איין קליינע הברה |...|".

212 לייוויק, 11, 30.

ה ב ר ו ת וו יי ז |האוואַרעסווייז| - אדור. (ארויסרעדנדיק)

א הברה נאך א הברה, צו איינציקע הברות; טראפּנווייז.

1930 " טענה איך שוין אין אים אריין הברותווייז:

ווי - וווינט - דא - א - ייד - א - סוחר |...|".

שניאור, 1.

(?נ?) ה ב ר ח ה | האווראכע| - די, =ות, (לל) קאנטראבאנדע, שמוגל.

0 הברחת המכס | האווראכעס האמעכעס| - די, בא.

דאס שמוגלען נישט באצאלנדיק קיין צאל, גרענעץ=אפצאל.

1894 " |...| בארעכנט, הברחת=המכס איז א גרויסער איסור

194 אין דין, בארעכנט אייערע טויטשרעקן ביי יעדן שארך אהין|...|".

צווייפל, 4, 41.

ה ג ב ה |האגבע| - די, בא, פפ הגבהה |האגבאע|.

אויפהייבונג, געמיינט דעם אקט פון אויפהייבן אין דער

הייך און ווייזן פארן קהל אין בית=מדרש דאס פונאנדערגעוויקלטע

ספר=תורה נאך דעם לייענען. ( דעם דאזיקן כבוד גיט מעט

איינעם פון קהל און ער איז דערפאר עפעס מנדר; ביי הגבה

שטעלט מען זיך אויף און מע זאגט דעם פסוק:

"וזאת התורה אשר שם משה לפני בני ישראל |דברים, ד - מד|;

נאך דעם קומט די צערעמאניע פון גלילה" - דאס איינוויקלען
די תורה.

% מכבד זיין מיט הגבה. קריגן הגבה. גיין מיט הגבה.

1863 " נאך דעם חצי קדיש הייבט איינער אויף דעם ספר און

229 דאס איז הגבה. ער עפנט דעם ספר אזוי ברייט אויף, אז דער

עולם זאל דערפון זען דריי עמודים".

דאנציג, 1, דף כ"א.

1881 " |...| <u>הגבהה</u> דארף מען גאר ניט מכבד זיין א פריוואט|ן|
233 מענטשן, דאס אלעס דארף פון דער חזן, דער קורא |...|".
שאצקעס, 1, 161.

1918 גאנץ געלונגען משלט מען דאס עם=הארצות פון אן ארענדאר:
225 מען איז אים מכבד מיט <u>הגבה</u>, זאגט ער איז הייזעריק –
דען ער ווייסט נישט וואס דאס איז און ער מיינט, מען מוז
דא עפעס א ברכה מאכן".
עלזעט, 2א, 41.

17 שוו: אז מען איז מכבד אן ארענדאר מיט הגבה, זאגט ער
ער איז הייזעריק.

ם |1685?| " ווער דא הגבהה האט דאז ער זיך מיט דער ספר

220/1 תורה ארום ווענט אויף אלי זייטן דאז דיא לייט זאלן זעהן

דיא אותיות".

דרך הישר לעולם הבא, דף כ"ו׳.

1752 " |...| אבר (הגבה אונ׳ גלילה) מעג מן דעם אבל אין

220 (שבעה ימים) וואול מכבד זייך".

ס׳ עץ חיים, דף ל"א.

ה ג ב ל ה |האגבאלע| - די, =ות |האגבאלעס|. (לל)

באגרענעצונג, אפגרענעצונג.

1889 " אלע מאנצבילן זענען געווארן פרושים, אלע ווייבער גבאיטעס און צנועות - א גאנץ יאר ימי הגבלה" |יעמי האגבאלע, ד"ה די טעג ווען פרויען טארן ניט, על=פי=דין, זיין נאענט מיט זייערע מענער|".

פרץ, 17, 25.

1957 " אפילו מדות דקדושה דארפן אויך האבן א הגבלה |...|".

איבז אנ, ליקוטי דיבורים, ז' 16.

ה ג ד ה |האגאדע| - די, =ות |האגאדעס|.

1. (זן) לעגענדע, מעשהלע פון גמרא, מדריש.

2. די זאמלונג טערסטן (פסוקים פון תנ"ך, מאמרים און מעשיות פון גמרא און מדרשים, פיוטים, מזמורים), וואס מע זאגט אין מע זינגט פסח ביים אפריכטן די סדרים.

% זאגן די הגדה. אן אילוסטרירטע הגדה.

1821 " |...| דער וואש דיא הגדה זאגין איז בייא אים גלייך
וויא איין משא אונ זאגט זיא איבר דנק אודר מיט פוילקייט 249
אונ אן שמחה |...| דער איז ניט זוכה אז עש זאל אים גיטאן
ווערין איין נס |...|".

קב הישר 4 | זען יידיש !, 4.

1898 " ווער די הגדה גרינדלעך פארשטייט, קאן ליכט דערזען, אז אין איר איז דא די גאנצע ליידנס=געשיכטע |פון| די יידן".

אויזערקיס, 1, 4.

1907 " |...| ער האט אונדז געשענקט אלעמען גלייך איין ברויט

263 אויף פסח מיט איין הגדה".

שלום=עליכם, 18, 16.

רעד: קאנטראלירן די ציטאטע!

1968 " אלעמען, וואס זיצן ביים טיש, באהערשן די זעלבע

263/1 געפילן, הערן אויף צו זאגן די הגדה. אנשטאט באגערטער

פרייהייט, זיינען געקומען |אין געטא| נאך שארפערע

רעפרעסיעס".

ב. ארנשטיין, יזב 2, 859.

א נאמען פון דער הגדה - אן אויסגעטראכטער אויסטערלישער נאמען. (אין הגדה=מעשה פון ר׳ אליעזר זענען אויסגערעכנט פארשיידענע אויסטערלישע נעמען).

<u>א חכם פון דער הגדה</u> - א נאר א תם. ( איינער פון די פיר העלדן פון א הגדה=מעשה איז באצייכנט מיטן ווארט "תם".

<u>שור:</u>

<u>ער/מע מיינט ניט די הגדה, נאר די קניידלעך(ווארע(זן)...</u> - די פאלירטשיקעס, דאס קעזל).

1869 " |...| איר פאטער איז דאס |דער שידוך| אויך ניחא

געווען - <u>ער האט נישט געמיינט די הגדה, נאר די קניידלעך</u>, ער האט געגלייבט, אז דער אלטער האט פארמעגן, מעג מען דער טאכטערס יונגע יארן פארקויפן". 241

<u>פער 177, נ׳ 21, ז׳ 240.</u>

<u>ווילסטו קניידלעך, זאג די הגדה.</u>

<u>ביים ארעמאן איז די הגדה, ביים נגיד די קניידלעך.</u>

0 **בעל=הגדה** |באל=...| דער, דער צונויפשטעלער פון דער הגדה,
אפט אויך געמיינט איינעם פון די פערסאנאזשן אין דער
הגדה.

1881 " |...| דער בעל=הגדה הייסט גלאט בעז סודע בעז
|ס|פראווע |אן א מישפט, אן א פראצעס| אויסזעצן דעם
רשע די ציין – איז דאס א שכל?".
שאצקעס, 1, 75.

1936 " |...| ניט אונדזערע עלטערן אליין האט גאט באפרייט
פון שקלאפעריי, נאר אונדז אויך, ווי דער בעל=הגדה זאגט".
איבז אנ, מחזור 5, פסח=הגדה.

רעד: זען צי איז "ב" איז דא די פאזיציע "בעל=הגדה"
אויב יא, צוגעבן די ציטאטן פון דאנען, אויב נייטיק!

ם

1723 " שלופיר דיא הגדה ניט אוועק גשווינד,// מוזט פר

258/1 שטין געבן דייך גזינד |...|".

שמחת הנפש, !!, דף י.

1791 " דיא בעלי=הגדות דיא דא לערניך עין יעקב און מדרשים

258/2 דיא זיינן גגליכן דארום צו דיא שיני בלומין |...|".

דיא נייאה פר קערטי וועלט,דף ט׳.

66 ה-

(?נ?) ה ג ד ה ו ע ן |האגאדעוועך| - אוטור. (שנש,איר)

זאגן די הגדה.

1958 " אט דא וועל איך דעם פסח קניידלעך און הגדהוועך".

ל. עפראן, פער 18, IV/4. 266

הגדול הגבור והנורא | האגאדל וועהאגיבער וועהאנוירע | –

1. וועגן די אטריבוטן פון גאט: דער גרויסער, דער מעכטיקער
און דער פארכטיקער.

דברים יז.

2. (פיג. עמפ) וועגן עפעס/עמעצן וואס איז גרויס,שטארק,
גוזמאדיק.

... "איך האב ניט אופפייעט ענדיקן, האט מיר דער טאטע
אראפגעלאזט א פאטש.הגדול הגיבור והנורא".

1902 "|...| הערט ווי מיין געמאל ווידערשפעניקט אין דער
תורה, געגוג איז ער נאך א טיפש, איז ער נאך א שיכור 267
הגדול הגיבור והנורא".

שלום=עליכם. 17. 223.

(?נ?) ה ג ד ר ה |האגדארע| – די, =ות. (לל) באשטימונג, דעפיניציע.

1962 " ארויסגייען פון די הגדרות אין הגבלות פון דעם נפש

271 הבהמות, קען מען דורך לערנען שולחן=ערוך מיט ספרי=מוסר|...|",

איבז אנ, ליקוטי שיחות, ז' 454.

ה ג ד ת א |האגאדעטע| - די, =ות. דזוו אגדתא.

1888 "|...| איין ארט אויף אנצווארעמען זיך איז פאר אים

273 געווען הגדתות, מעשיות אין הייליקע ספרים מיטוועלכע

ער פלעגט זיך קוויקן |...|".

מענדעלע, 3, 118.

ה ג ה ה | האַגאָע | די, =ות | האַגאָעס |. (לל)

1. דאס דורכקוקן א כתב=יד אדער דרוקאפּצוגן און פאַרריכטן די עווענטועלע גרייזן, קאָרעקטור.

% מאכן די הגהה. אין דער רעדאקציע איז ער באשעפטיקט ביי הגהה פון די מאנוסקריפטן.

1950 "מיר דריקן אויס א הארציקן דאנק דעם ד"ר נפתלי שטערן פאר זיין געווויסנהאפטער אויספירונג פון דער הגהה". 280
איבז ש. היבנער, בבא (מא !, הקדמה.

2. באמערקונג, נאטעס, קאמענטארן אויפן ראנד פון א ספר.

|1926 - 1931| " |...| האט דער אלטער געעפנט א בוך, |...| ווו די מארגענס זענען געווען באשריבן מיט הגהות". 283
אפּאטאשו, 7, 234.

1957 "|...| ער איז טאקע געווען א בעל=מלאכה, אבער

גלייכצייטיק א למדן, וואס פלעגט ליב האבן שרייבן <u>הגהות</u>, 280

קאמענטארן אויף די זייטן אדער עקן פון די בלעטער פון

די ספרים".

<u>יזב 11, 110</u>.

ם 1713 " אונ׳ דש עברי וואול פר זעהן מיט היפה אותיות

אונ׳ טינט אונ׳ <u>הגהה</u>, גלייך ווי אונש אונזרי חכמים ז"ל 278

לערנן".

<u>מחזור, 1, דף י"ד</u>.

הגואל ממות |האגויעל מימאוועס | - (?נ?)

1. דער אויסלייזער פון טויט - גאט.

(לויט: ממות אגאלם" - הושע י"ג - י"ד).

... "איך באשווער אייך מיט דעם נאמען פון הגואל ממות".

צונזער. מכירת יוסף.

2. (שגל) " איך די נאצישע אויסראטונג=לאגערן האט מען געטייטשט אזוי 'הגואל' - די אויסלייזונג פאר די יידן וועט קומען 'ממות', פונעם טויט אליין".

|בלומענטאל, פער 90, נ' XXI - 2|.

(?נ?) ה ג ו ן |האגון| - אדי, ווע: הגונה |האגונע|. (לל) לייטיש, אנשטענדיק, פיין.

% ס'איז א שידוך הגון: דער נגיד האט געגעבן א נדבה הגונה.

1869 " |...| דער צווייטער |...| מוז איצט מחזור על הפתחים

293 זיין |=גיין איבער די הייזער|. מן הסתם דארף מען זיין געבן א נדבה הגונה".

פער 177, נ' 19, ז' 219.

ם |?1680| " |...| זעלכע עניים דיא ניט הגון זיין דהיינו

294 רמאים אונ' רשעים |...|".

דרך הישר |...|, דף ע"ו.

(?נ?) ה ג ו נ ב |האגוינעוו| - נאר אין דעם ווערטל:

ℒ הגונב מן הגנב |איז| פטור |האגוינעוו מין האגאנעוו |איז| פאטער| - דער וואס גנבעט ביי א גנב איז פטור (ד"ה ביי א גנב מעג מען גנבענען, אויפן סמך פון גמרא=מאמר: אין הגונב אחר הגנב משלם תשלומי כפל"

(בבא קמא, ז׳ - 1).

ה ג ז מ ה |האגזאמע| - די, =ות. (לל) איבערטרייבונג,

דאס מגזם זיין.

% דער ייד האט ליב הגזמה,מאכן די זאכן גרעסער.

הגיון |היגאיען| - דער, בא. (לל) לאגיק, שכלדיקייט.

% אין זיין עצה איז דא הגיון, ס׳לייגט זיך גוט אויפן שכל.

1951 " די פשטות, דער באזונדערער הגיון פון די ליטווישע
מלמדים הענגט מסתמא אפ פון |...| די שטריכן אין דעם 299
כאראקטער און דעם לעבן=שטייגער פון דעם ליטווישן ייד".
מ.ווישניצער, פער 106, 48.

1956 " ווי אזוי קאן זיין א זאך מיט הגיון און נאריש?|...|
צוויי ווערטער וואס איינס פרעגט אפ דאס אנדערע". 300
סיימאן, 1.

0 בעל=הגיון |באל=...| - דער, מצ בעלי=...|באלע=...|.
מענטש וואס דענקט לאגיש.

1957 " ער איז געווען |...| א גרויסער בעל=מידות און
בעל=הגיון אין לערנען". 301
יזב 11, 244.

הגם |האגאָם| ־ קאַניונקציע פון קעגנשטעלונג אדער נאָכגעבונג.
געניצט אין סובאָרדינירט צונויפגעזעצן זאַץ, מיטן באַטייט:
כאָטש, ווען אפילו, ווען אויך, אויב ווייל.

% הגם ס׳איז גוט הייס, וועלן מיר דאָך אַרויספאָרן.
כ׳וועל קומען צו דער פאַר־אַמלונג, הגם איך בין זייער פאַרנומען.

|אָנהייב XIX| "דיא וועלט ווייסט שוין זייערע שטיקליך,
הגם זייא זענען נאָך נישט/אויף דער וואָהר |...|". 311/1
י. פערל, 1, 195.

1888 " כלומרשט איז ר׳ אשרס קומען נישט אַזוי שטאַרק
אָנגעלייגט ביי אים, הגם ער האָט אויף אים טאַקע אַרויסגעקוקט|...|". 311
מענדעלע, 3, 201.

1958 " הגם ער איז געווען אַ גרויסער למדן און אַ ווילדער
בעל־מפלפל, האָט ער |...| נישט געקאָנט אויסלאָדענען 310
זיין גבורה אין |...| פּלאָנטער פון זיינע פּשטלעך".
י.י. טרונק, פער 68, XII/6.

(?נ?)

2. איך שוין, ניט שוין -זשע? - אויסרוף פון פארוווּנדערונג.
נאר אין דעם ציטאט=ווערטל פון תנ"ך(שמואל א׳, י׳-י"א):

/7 הגם שאול בנביאים?|האגאם שאול ביגוויאים| - איז שאול
אויך שוין צווישן די נביאים? - געזאגט ווען מ׳הערט א
מיינונג, אן ארויסזאג פון אן אומקאמפעטענטן מענטשן.

% יענער זאגט שוין אויך א דעה אין קהלשע ענינים? - הגם
הגם שאול/בנביאים?

ה ג מ ו ן |העגמוין| - דער, =ים. (עלט).

1. קאטוילשער בישאף, קארדינאל.

2. מיניסטער, שררה.

1843 " איך וויל בייערט אזו טאן, איך וויל אים צום ערשטין

פר איין שר מאכן אונ דר נאך וויל איך אויס אים גאר 315

איין הגמון מאכן".

אהרן מטריבש, ו, דף י"ג.

1938 " |...| איך בין ארומגעלאפן// מיט א חברה מלכים און

הגמונים |...|".

ליעסין, 1, 85.

ם

-----> 2.

1701 " דעך דער טורנוס רופוס דער וואר איין גיוואלטגר

הגמון אונ' ער וואר שני לקיסר". 317/1

מעשה=בוך, 2, מעשה ע'.

ה ג נ ה - |האגאנא´| - די, בא.

1. (לק) שול, פארטיידיקונג.

2. נאמען פון דער באוואפנטער זעלבשוץ אין דער יידישער באפעלקערונג אין ארץ=ישראל אין דער צייט פון ענגלישן מאנדאט.

% נאך זייענדיק אין גימנאזיע, איז ער שוין געווען א מיטגליד אין דער הגנה.

1970 " דריי יינגלעך, א לעבעדיקע חברה אדא,// האבן באשלאסן: זיי גייען אין דער הגנה". 326

מאלאדאווסקי, 4, 134.

1974 " |...| מע קאן זיך אפילו דערלויבן מבטל צו זיין די היגיענישע באקוועמלעכקייטן, אבי צו זיין אויף דער הגנה=שיף". 326/1

עלבערג, 2, 319.

0 **הגנה=מענטש** – **דער, =ן.** אדער **הגנה=לייט.** מיטגליד פון
דער הגנה.

1974 " די **הגנה=מענטשן** האבן אפגעקויפט די שיף 'סאנטא ראסא'
און זי אוועקגעפירט קיין באלטימאר צו פארריכטן". 329
עלבערג, 2, 314.

**הגנה=לייט** – מצ פון **הגנה=מענטש.**

1974 " די **הגנה=לייט**, וואס זענען נאך נישט באקאנט די
ענגלענדער |...| דארפן זיך אויסמישן מיט די פליטים 328
און זיך לאזן פארשיקן צוזאמען מיט זיי".
עלבערג, 2, 382.

(?נ?) ה ג פ ן |האגאפען| - געקירצט פון דער ברכה איבער ווייך:

בורא פרי הגפן |בוירע פרי האגאפען".

% מאכן הגפן = זאגן די ברכה.

1881 " די סדר=פראוועו האבן זיך |...| באזעצט רויק, די

כוסות אנידערגעשטעלט, |...| געמאכט הגפן און געטרונקען 334

אנגעשפארט ווי א גראף".

שאצקעס, 1, 110.

(?נ?) ה ג ר |האגאר| <u>I</u> – דער נאמען פון אברהמס דינסט, וואס
האט אים געהאט א קינד ישמעאל.

1941 " און <u>הגר</u> האט געבוירן אברמען א זון |...|".
<u>תרגום יהואש, בראשית, ט"ו – 15.</u>

Ⅱ <u>ארומטראגן זיך ווי הגר מיט ישמעאלן</u> – ארומטראגן זיך
מיט עפעס, וואס קיינער וויל דאס ניט.

(?ב?) ה ג ר |האגער| II - (עלט) נאמען פאר אונגערן.

ם 1723 " |...| אונ הש"י האט זי געהאלפן אונ גיפירט אין

336 (מדינה הגר אודר אונגריך)".

ס' מעשה השם, מעשה וועגן גזירה ממדינת אושטרייך.

(?ב?) ה ג ר י |האגרי| - (עלט) נאמען פון אן אמאליקער מטבע
אין אונגערן.

הגרי.[ם]

1692 " זא זאל האיש ההוא |...| קומען בקנס עשרה הגריים
338 לכשר קהל |...|".
תקנות פון פראגער חברה קדישא.

הגרלה |האגראלע| - די, =ות (האגראלעס). דאס ווארפן
גורל (ציען קוויטלעך אדער אויף אנדער אופן).

% מ'האט געמאכט א הגרלה ווער ס'זאל זיין גבאי ראשון אין
בית=מדרש.

1960 " |...| איז געווען א גרויסער ארעמאן, איז ער געקומען
צום פריסקער מגיד און ער האט אים געגעבן דעם כתר, 341
ער זאל מאכן א הגרלה".

מ. אונגער, פער 68, ז' 10.

הגשמה |האגשאמע| - די, בא. (לל).

1. רעאליזאציע, דאס אויספירן א זאך בפועל.

% די הגשמה פון א געדאנק, פון א פלאן.

1962 " די טעאריע וועגן ציוניסטישער הגשמה דורך דעם
344 ארבעטער=קלאס |...|".

ב. בן=צבי, פער 38, ג' 39, ז' 42.

2. דאס פארשטעלן גשמיותדיק אין מאטעריעלע פארמעס אן אידעע, א גייסטיקן באגריף, (באזונדערס גאט, דאס צושרייבן גאט מענטשלעכע אטריבוטן.

1957 " |...| ער האט ניט געקאנט אריבערטראגן די מינדסטע
345 הגשמה, קיין געוויינלעכע מענטשלעכע פארשטעלונג אין ענינים פון אלקות און קדושה".

ה. צייטלין, 1, 275.

[0] הגשמה=עצמית |~ אצמיס| - דאס דורכפירן פאר זיך איך לעבן דאס וואס מע פרעדיקט (ספעציעל וועגן דעם רעאליזירן די ציוניסטישע אידעע דורך פערזענלעכער עליה קיין ארץ=ישראל).

1959 " קליינשטעטלדיקע בחורים און מיידלעך |...| האבן יא געהאט איינגעזאפט אין זיך יידיש=באוווּסטזיין, ביז הגשמה=עצמית, ביז הקרבה עצמית". 346

א. גאלאמב, פער 38, נ' 33, ז' 173.

ה ד י ו ט |העדיעט| – דער, =ים. |העדיויטים|.

1. א מענטש פון פראסטן פאלק, א פראסטאק, אן אומגעלערנטער.

% דער בחור איז געבעך א הדיוט, קען קוים דאווגען.

1881 " אייניקע פוסקים אחרונים האבן מיט א טעות געוואלט
354 מחמיר זיין און מאכן פון כשר טריפה און פון מותר אסור,
אין דער מענטש, וואס איז א נאר און איז אויך מחמיר,
ווערט גערופן 'הדיוט' (פראסטאק)".
שאצקעס, 1, 48.

1910 " ביי דער שיין פון טאג קריכט יעדער קליינינקייט אויף
363 דער ערד ברייטלעך פארויס, שפרינגט מיט דער חוצפה
פון א הדיוט אין פנים אריין".
ל. שאפירא, 1, 131.

1931 " |...| זאגט איינער |פון די חכמים|, אז א מלך,
וועלכער האט זיך א מאל באנארישט און דורך זיין נארישקייט
איז ער געווארן א הדיוט, א פראסטאק, בלייבט ער א הדיוט 357
ביז אין טויט אריין".
זילבערבוש, 3, 47.

1945 " א ליאדע הדיוט דערקענט דעם חילוק צווישן געגארן
דעם בוראס גאב און אפנארן מענטשן". 368
ביישא, 3, 73.

2. אן אומקאמפעטענטער, ניט=ספעציאליסט אין א געוויסער זאך;
פראפאן.

% אין עלעקטראניק איז ער א פולשטענדיקער הדיוט.

0 הדיוט כהן |... קויהען | - דער, =ים. (עלט) א פשוטער
כהן (ניט קיין כהן גדול אין בית המקדש).

ד הדיוט קופץ בראש | העדיעט קויפעץ בעראש | - (פעיא)

ווען א פראסטאק, אן אומגעלערנטן, וואס שפרינגט ארויס

דער ערשטער צו זאגן מיינונגען וועגן זאכן, וואס ער

ווייסט ניט.

1864 " איך ווייס, אז עס וועלן זיך געפינען אזעלכע, וואס

וועלן אויף מיר זאגן 'הדיוט קופץ בראש', עס איז דא 378

געבילדעטערע פון מיר".

פער 177, נ' 42, ז' 629.

1954 " איך עצם רעזשים איז עפעס פאראן אזעלעכעס, וואס גיט

צו פיל געלעגנהייטן דעם ניט=שעמעוודיקן הדיוט |...| 373

צו זיין א קופץ בראש".

ח. גרינבערג, 3, 261.

ם---- 1.

1544 " נאך ווען זאגט קויניג ישראל נאך ווען ציכט ער
359 אויש// נאך א ינם טוטן הוגט ציכט ער אויז זיינם הויש //
נאך איינם <u>הדיוט</u> איין ולוך דיא דא טויג ניט מער // דעם
יאגט נאך דער קויניג מיט איינם גאנצן היר".
<u>שמואל=בוך, סטר' 603</u>.

1626 " אויף מיין רעכטי זייט (פרחה יקומו) שטיאן יונגי
356 קינדר אז בייא אנדרי <u>הדיוטים</u> אונ' זיא הלטן מיך נישט חשוב".
<u>ס' המגיד, 1, ל - יב</u>.

1752 " |...| ווען עש רעגינט אונ' לייט מיינן זי טואן איין
358 גרושי מצוה אונ' עשן דאך אין דיא סוכה דר מיט טואן
זיא ניט רעכט דר זעלביגר היישט איין (<u>הדיוט</u>)".
<u>ס' עץ חיים, דף ס"ח</u>.

(?ב?) ה ד י ו ט ו ת |העדיויטעס| - די, בא. גראברייט,הפקרות.

1648 " אין אונזר בית הכנסת דיא היילג אונ' ריין // פיל הדיוטות האבן זיא דרינן טון טרייבן // בייא דעם ארון הקודש בייא דעם זעלביגן שטיין // ווארן זיא מזבל דאש מן ניט קונט בלייבן ".

מגילת ווינץ, ז' 27.

ה ד ל ק ה | האדלאקע | - די, =ות. |האדלאקעס|.(לל).

1. אנצינדונג, אילומינאציע (ס'רוב וועגן פייערן וואס מע צינדט ל"ג בעומר).

1919 " און ס'פלאמען רויט די שייטער=הויפנס פילע,// הדלקות
פעכיקע פון איינגעלייגטן דעמב און פלאקערדיקן דארן". 385
קאציזנע, 1, 177.

1968 " |...| ביי דער הדלקה האט ער זיי פארקויפט קמיעות
און זעקלעך ארץ=ישראל=ערד". 384
ש. איזבאן, פער 38, ז' 196.

0 הדלקת=הנר |האדלאקאס=האנייר| - דאס צינדן ליכט ערב שבת און יום=טוב.

% הדלקת=הנר איז א ווייבערשע מצווה.

1892 " |...| סאמע ימים=הוראים! און וואס זאל אונדז |ווייבער|
מציל זיין? דאס טייטש=חומש?... אין גאנצן דריי מיצוות:
חלה, נידה, הדלקת=הנר...".
פרץ, 17, ז׳ ....

ם |?1680| " |...| זונטשט פיל זאכין וויא זיך וייבר זאל
נוהג זיין אין נדה חלה הדלקה צו האלטן פיין". 381
דרך הישר |...|, שער=בלאט.

1718 " דאז קומט אמטל (מעשע שטן) דר פון (הדלקה)
זאל ליכט אויף שבת אן צינדן |...|". 388
מראות הצובאות.

ה ד ס |האדעס| I- דער, =ים |האדאסים|.

1. מירט, מירטהבוים. ווסנ

1899 " קענט איר דעם פארלאנגען, אז ביי אונדז זאל זיין רק
404 אתרוגים, רק הדסים און ערב=נחל זאלן מיר שוין דאס
גארניט האבן?".
יה%ל, 4, 72.

2. צווייגלעך פון מירטנבוים, איינער פון די ארבעה מינים,
וואס בינדט צו צום לולב ביי אתרוג בענטשן אום סוכות.
% א כשרער הדס דארף האבן דריי בלעטלעך אין איטלעכן ריטל.
1832 "דאש נעמונג פון דעם הדס טוא איך בונדן צו דיא
397 צווייגין פון דעם לולב".
איבז אג, מחזור 2, דף י"ב.

1910 " |...| מען גלעט אים דעם רוקן, מען קוקט אים אין די

399 אויגן,// מען שטופט אים דעם <u>הדס</u> גלייך אונטער דער נאז|...|",

<u>פרוג, 2, 16</u>.

1938 " זיי ציען זיך אלץ, די הקפות, פאר מיר - לולבים,

אתרוגים, הדסים, ערבות |...|".

<u>ליעסין, 3, 301</u>.

3. שיינע כלי (פושקעלע, בעכער) מיט קליינע לעכעלעך ווי•

396 פאר די הדס=בלעטער צום שמעקן ביי הבדלה.

% פון זיידן איז אונדז געבליבן א זילבערנער <u>הדס</u>.

1886 " אמאליקע מתנות צווישן חתן=כלה איז געווען געוויינלעך:

406 א זילבערנער <u>הדס</u>, א קרבן=מנחה |...|".

1914 " א קאבינעט ביים רב, |...| צוויי שאפעס מיט

395 ספרים, איין שאפקע א גלעזערנע, פון וואנען דעם זעען

זיך ארויס א חנוכה=לעמפל, א <u>הדס</u>|...|".

<u>שלום=עליכם, 36, 113</u>.

1967 " ווי א יאגדע די גרויס איז אונדזער הויז,// נאר

395/1 אלץ סדרן מיר אויס,// די קינדער וויג,|...| און אין מיט -

דאס בשמים=<u>הדסל</u>, מיט אלע ריחות פון ליבשאפט".

<u>י. פרידמאן, 4, 7.</u>

<u>הדס שוטה</u> |שויטע| - <u>דער, =ים.</u>

א ניט כשרער הדס(ב׳ 2), א הדס=ביטל וואס האט ניט קיין דריי

בלעטלעך.

<u>הדס שטינקט די גאנצע וואך און שבת=צו =נאכטס שמעקט זי</u> -

שפאסיק פון"ל געבויט אויף דעם ווארטשפיל: הדס =

א פרויען נאמען, און <u>הדס</u> = די שמעקעדיקע מירטן=בשמים.

------> 1.

... " |...| די זעלב ענטווארט |ווי די אנדערע ארבעה מינים|

410 גב דער <u>הדס</u> אויך צו הנט |...|".

<u>מגילה=ליד, שורה 1342.</u>

1769 " |...| דארט ליגט יוסי בן יועזר איש צרידה אין איין

402 הויז אונ׳ שטיהן דר בייא פיל הדסים בוים".

ס׳ ידי משה, דף כ"ג.

.2 ----

1713 " אונ׳ די הדסים זאלן ניט ווייניגר זיין אז דרייא

403 שטענגליך קיגן דיא דרייא אבות |...|".

מחזור ו, דף מ"א.

ה ד ס |האדעס| !! – פרויען=נאמען, ס׳רוב אין פּקפּ האדל,

אדער א׳ין דער פארמע הדסה.

ה ד ס = ב ו י ם - דער, ~ ביימער, פּפֿ הדסים=בוים.

מירט, מירטנבוים (ווסנ

1922 " דו האסט געמוזט שלעפּן א הדס=בוים צום קעניג |...|".

413 איבז ;אלקינד, 4, ט/ב, 33.

ה ד ס = ב י ק ס ל |האדעס=...| - דאס, =ער. פושקעלע פאר בשמים
צו הבדלה. (זען הדס, ב' 3).

1957 " פון די מענלעכע בלומען האבן ארויסגעטרייסלט פון זיך,
415 אזוי ווי הדס=ביקסלער, א געדיכטן וואלקן העל געלן
בלומענשטויב".
ברוסילאוו, 2, 19.

ה ד ס = ב ע כ ע ר |האדעס=...| - דער, =ס.

א כלי אין דער פארעם פון א בעכער אויף האלטן בשמים צו הבדלה (זען אויך: הדס, ב׳ 3).

1916 " דאס זילבערנע חנוכה=לעמפל מיטן אלטן זילבערנעם

הדס=בעכער |...|". 416

שלום=עליכם, 37, 145.

(?נ?) ה ד ס ה - די, =ות |האדאסעס|.

1. מירטנקוסט.

1924 " ווי א הארבטיקע הדסה // איז פארטרויערט דיין געזיכט".

ניידוס, 3, 92.

2. פרויען=נאמען, אין יידיש ס׳רוב געניצט הדס |האדעס|

אין פּקפּ האדל.

3. מאמען פון א ציוניסטישער פרויען=ארגאניזאציע פאר

מעדיצינישער הילף אין ישראל, געגרינדעט אין 1912 דורך

הענריעטא סאלד.

4. נאמען פון א צאל שפיטאלן אין ישראל .

% מען האט אים אפערירט אין ירושלימער הדסה.

ה ד ס י ם = ט א נ ץ - דער, בא. טאנץ פון ירושלימער חסידים,

מע טאנצט אים מיט הדסים=ריטלעך אין די הענט.

מ. אונגער, פער 69, 25/V!!!.

106 ה־

ה ד ס = פ ו ש ק ע |האדעס=...| - <u>די =ס.</u> שיין געשניצטע כלי

(ס'רוב פון זילבער) איף בשמים צו הבדלה

(<u>זעץ אויך הדס, ב' 3</u>).

ה ד פ ס ה |האדפאסע| - די, בא. (לל) דאס דרוקן, דרוק (פון ביכער, צייטונגען אד"גל).

1864 " ער ווייסט שוין הלכות הדפסה. אחוץ דעם פארט ער

424 ארום אין גאנץ פוילן, וועט ער עס |די ספרים| קענען אומעטום אפזעצן".

מענדעלע, 6.

1890 " האט זיך געפונען א בעל=הבית א נדיב=לב און האט

423 |דעם מחבר|אנגענומען בכבוד גדול און געהאלטן אים ביי זיך די גאנצע צייט פון דער הדפסה".

דובנער מגיד, דף י"ב.

1957 " במשך הדפסה |...| האט מען |דעם ספר| געקויפט

425 קונטרסימווייז און דער ספר הקדוש האט אויפגעפלאקערט יידישע הערצער".

איבז אנ, ליקוטי דיבורים, דף ל"ה.

ה ד ר |האדער| - דער, בא.

1. (לל) שיינקייט, פראכט, אויך אין אויסטערליש שיינע זאך.

1907/1908 " |...| דערפאר, יחיאל=מיכל, |...| אז דו וועסט קומען צו מיר וועגן דער צווייטער טאכטער |וועגן א חתן|, קריגסטו |...| א הדר, מיט גאלד אפצווועגן".

פרץ, 17, 372.

2. (ספעציעל) זייער א שיינער אתרוג אדער (זן) לולב.

1887 " יעדער ייד האט זיך געפלייסט צו ברענגען אן אתרוג הדר, וואס קען שענער ניט זיין". 426

פער 74, ג' 38, ז' 642.

1909 " מילא, וואס פאר אן אתרוג מ'קען שוין האבן פאר דרייסיק קאפיקעס, קאנט איר זיך משער זיין,|...|, 429 נאר דער 'סגי=נהור' האט זיך אזוי געפרייט און מלא חדווה געשעפטשעט: אזא הדר, אזא הדר...".

וויעוויארקא, 1, 17.

1951 " לויט דעם צעפעכערן זיך פון שפיץ |...| דערקענט

430 מיכעלע |...| דעם 'הדר' און לויט זייער גרייס טיילט

ער זיי איין אין קאטעגאריעס".

שניאור, 7, 181.

(?נ?) ה ד ר ג ה |האדראגע| - די, =ות. (לל) שטאפלונג,
גראדאציע, ביסלעכווייזע שטייגערונג.

1957 " אין די בתי=יד פון שכל גופא איז אויך פאראן א סדר און
437 הדרגה, - |...| וועלכע פריער, וועלכע שפעטער |...|".
איבז אנ, ליקוטי דיבורים, דף קל"ו.

111 ה–

ה ד ר ד י ק – |האדערדיק| – אדי. (שנש) שייך, פראכטפול.

1973 " |...| און ס׳האט געבלענדט מיט מלכותדיקן גלאנץ

פון איר פנים, פון דער געוויקסיקער הדרהקער געשטאלט אייער".

ב. האגער, פער 38, נ׳ ז׳ 136.

ה ד ר כ ה |האדראכע| - באַ. (לל) דאס מדריך זיין, דאס
ווייזן א וועג (אין לערנען, דערציונג, מאראל אד"גל;
אינסטרוקטאזש.

% די ישיבה=בחורים קריגן א גוטע הדרכה אין לערנען.
דאס יינגל איז אויסגעוואקסן א פוסטעפאסניק, ניט געהאט
קיין הדרכה פון טאטע=מאמע.

1864 " יענער מלמד קאן גאר ניט לערנען מיט קיין יינגל,
456 זיין הדרכה איז גאר קיין הדרכה ניט".
פער 177, נ' 17, ז' 265.

1953 " |...| ס'איז כדאי |...| זיך צו דערמאנען אז א
439 הדרכה |...| אין תלמוד, ווי אזוי צו באהאנדלען א
יידישן קנעכט".
ח. גרינבערג, 1, 11.

1957 " |...| מען האט שוין אויף אים |דעם רה| ניט געקוקט,

438 ווי אויף א יונגן=מאַן, וואס דארף האבן הדרכה, נאר

ווי אויף איינעם פון די אלטע און די גרויסע".

ה. צייטלין, 1, 49.

ם 1676 " רעדט מן פון א יענר הדרכה אודר איין גוטי עצה

454 דא זאגט מען אזו איז עש בייא מיינם פאטר אונ׳ מוטר גיוועזן",

ברנט דפיגל, פרק ל"א.

ה ד ר ן |האדראַן| - דער, =ים. (לל) טייטש: מיר וועלן זיך נאך א מאל אומקערן. מיר וועלן איבערחזרן.

1. די שלוסווערטער און תפילות וואס ווערן געזאגט ביים סיום פון א מסכתא גמרא: הדרן עלך מסיכה |ארמיש|, און מע הייבט אן לערנען פון דאסניי.

2. די לומדישע דרשה, וואס מ'איז זיך נוהג צו האלטן ביים פארענדיקן לערנען משניות, א מסכתא גמרא אדער גאנץ ש"ס.

% זאגן א הדרן.

1912 " וואלסט געגאנגען אין ר' שמואל=קאפלס וועג, וואלסטו אפשר אזא למדן ניט געווען, וואלסט ניט געזאגט צו זעכצן יאר דיין הדרן אויף צוויי סדרים גמרא". 463
ח.ווינגארדין, 1, 18.

1962 " |...| בעת א חריף אין דעם גאונס קלויז זאגט א הדרן
אויף א מסכתא אדער ווען דער שטאט=מגיד פילפולט זיך אין
זיין דרשה |...|".

גראדע, פער 69, V!/29.

(?נ?) ה ד ר ת | האדרעס | - דאס, בא. (לל) פראכט, שיינקייט.

1963 " |...| הדרת פון נגידישע געוואנטן".

465 יאנאסאוויטש, 2, 29.

רעד: ס'איז א גרייז? - אין יידיש סיי אין העברעיש
קומט הדרת (סמיכה פון "הדרה") נאר אין
צונויפהעפטן הדרת=כבוד, הדרת=פנים א"א}

ה ד ר ת ד י ק |האדרתדיק| – אדי/אדוו. (לל) זייער שיין, פראכטפול, מאיעסטעטיש.

1963 " |...| געווען א מאל א הדרתדיקע זאך".

466 יאנאסאוויטש, 2, 10.

1957 " |...| גאר א באזונדער הדרתדיקער דרך=ארץ האט זיך

467 ביי מיר געשאפן צו די חסידים".

איבן, אנ, ליקוטי דיבורים, דף קמ"ט |קו"ט?|.

ה ד ר ת = ( ה ) כ ב ו ד |האדרעס=(הא) קאוועד| - דער. בא.

גרויס דרך ארץ פאר א חשובן מענטשן.

% ארויסווייזן הדרת=כבוד. אויפנעמען מיט הדרת=הכבוד.

1899 " די חסידים ווערן פאר אים אלע בטל, מע נעמט |...|

אים אויף מיטן ש ענסטן הדרת=הכבוד". 472

ווירעניקאווסקי, 1, 8.

1951 " יארנלאנג פלעגט מען דערמאנען ר" איצעס נאמען מיט

גרויס הדרת=הכבוד און דערביי צוגעבן מיט א מיסטעריעזן 470

טאן: |...| א צדיק און א מקובל".

מ. גץ, פער 106, 1378.

ה ד ר ת = מ ל כ י ם |האדרעס=מעלאכים| - <u>דער, בא.</u>

קיניגלעכע מאיעסטעט.

1972 " |...| ער וועט אים זען, אים אליין, מיט זיין גאנצן

474 <u>הדרת=מלכים</u> |...|".

<u>י. קאפלאן, פער 38, נ׳ 77.</u>

ה ד ר ת = פ נ י ם |האדרעס=פאנים| - דער, מצ(זן)~פנימער |~פענימער|.

1. זייער א שיינער, פראקטיקער, מאיעסטעטישער אויסזען, באזונדערס פון פנים.

% א שיינער ייד, מיט א הדרת=פנים פון א רב.

... " איך זע אים נאך איצט ווי א לעבעדיקן, מיט זיין
986 הדרת=פנים, |...| מיט דער לאנגער בארד און די געגרייזלטע פאות".

מענדעלע, ב' XV ציט אויסג' 1911, ז' 10.

1936 " די באגריסער זיינע הדרת=פנימער איינס און
498 איינס, מיט שיינע פיגורן, שיינע האריקע קעפ און בערד |...|".

זינגער, 6, 535.

1953 " דער מין מענטש, ווי מיר קענען אים, מיטן ביסל
483 הדרת=פנים און הדרת=פיגור |...| האט זיך באוויזן אויף דער זקנה ערד מיט זיין קנויל נערוועז און פעקל גהירן

ערשט צום סוף פונעם לעצטן איין=פעריאד".

ח. גרינבערג, 1, 24.

2. (פיג) א שיינע בארד.

... " ער פלעגט זיצן גאנצע טעג מיט א שפיגעלע און א קעמעלע
און כסדר פוצן דעם הדרת=פנים זיינעם".
גלאטשטיין, |ווערק?|.

7 הדרת=פנים - זקן (שור) - די שיינקייט (פון מענטשן)
איז אין זיין בארד.
|שבת, קנב|

ה ד ר ת = פ נ י מ ד י ק |האדרעס=פאנעמדיק| - מיט א שיינעם,

מאיעסטעטישן אויסזען באזונדערש פון פנים.

% <u>הדרת=פנימדיקע</u> געשטאלט.

1917 " א יידישער יונגער משכיל האט דערטאפט ערגעץ ווו,

502 אן אלטן <u>הדרת=פנימדיקן</u> יידן, מיט בארד און פאות |...|".

<u>זשיטלאווסקי, 6, 61.</u>

1951 " |...| ער, דער <u>הדרת=פנימדיקער</u> ייד, האט יעדן טאג

502/1 א יום=טובדיקער געשפאנט איבער דער בריק קיין קאוונע |...|".

<u>פ. מארקוס, פער 106, 664.</u>

ה ד ר ת = ק ו ד ש |האדרעס=קוידעש| - דער, בא. פראכט, גלאנץ פון הייליקייט.

1957 " הדרת=קודש איז געווען אויסגעגאסן איף דעם גאנצן שטח. די ווייבער און קינדער |...| פלעגן שטיין |...| און צוזען די גרויסע שימחה". 507

איבז אנ, ליקוטי דיבורים, דף קכ"ב.

0 הדרת=קודשדיק - אדי. מיט דער פראכט פון הייליקייט.

1957 " די הדרת=קודשדיקע תפילה ענדיקט זיך מיט אן אהבת=שחלדיקן גוט=יום=טוב". 508

איבז אנ, ליקוטי דיבורים, ז' 268.

הרא |הו| - פראנ. טייטש: ער, געניצט (לל) אין געוויסע
פראזעס:

ד הוא הדין |הו האדין| - (לל) אזוי איז אויך דאס געזעץ,
דער כלל, דאס אייגענע איז שייך (צו/וועגן עפעס).

... " נאך דעם בראטן מוז מען די לעבער אפגיסן, הוא הדין
|וועגן| פלייש, אז מען בראט אויף דעם פייער אומגעזאצן, 24
זאל מען אויך דאס דערנאך אפגיסן".
מ. טייטלבוים, 1, סימן כ"ו.

הוא היה אומר |הו האיא אוימער| - ער פלעגט זאגן.

הוא ולא אחר |הו ועלאי אכער| - נאר ער, און ניט קיין
אנדערער, דאס איז ער!

" האט מען אים געפרעגט |דעם הרב אברהם|, וואס 1850

האט איר דערזען אין אים |אין בעש"ט|, וואס איר זאגט 26

<u>(הוא ולא אחר)</u>? – האט ער געענטפערט: |...| איך האב

היינטיקע נאכט געזען בחלום, אז איך בין ארייַנגעגאנגען

אין גן=עדן, איז געקומען דער שר התורה און האט

געזאגט תורה פון דעם בעש"ט".

<u>איבז אנ, ס' שבחי בעשט, ז' 48</u>.

ה ו ב <u>I</u> – דער, |<u>מצ?</u>|. אויסשטייער (קליידער, וועש א"א, וואס די עלטערן געבן ד ער טאכטער צו איר חתונה).

... " וואס זאגט איר אויף היינטיקע קינדער? איא, ס׳איז
כדאי אויסצוברענגען זיך אויף זיי, הארעווען פון זייערטוועגן, 30
|...| מאכן אפשר פאר צען טויזנט קערבלעך א <u>הוב</u>,
צוגעבראקט מיט פערציק טויזנט קערבלעך נדן אויך, אחוץ
מתנות... קוים דערלעבט א נחת, א ת=יחידקעלע |...|".
שלום=עליכם, יקהה"ז (פערטער אקט, סוף פון ערשטער סצענע..
4 ב...

---

<u>רעד:</u> אפשר דארף דא זיין, האב" (ווי אין האב און גוטס") ארויסגערעדט אין דרום=יידיש הוב"? ניט זיכער אין אויסטייטש, געגעבן לויטן קאנטעקסט, מ׳וואלט געקענט טייטשן "הויב" (קאפצודעק), אבער ניט געווען קיין הויב פאר אזוי פיל געלט.

---

ה ו ב !! - די, =ן. (עלט) דזוו הויב, אמאליקער פרויען=
קאפצודעק.

1881 " און דערלייכט, ליבער גאט, די אויגן פון מיין מאן
33 און מיינע קינדער אין דיין הייליקע תורה, אזוי ווי איך
דערלייכט גאר מיין הוב מיט די ליכט, וואס איך האב געבענטשט
יום=כיפור".

אנ, איין נייע שס תחנה, לערב יום=כיפור.

1944 "אירע געקרויזטע האר שטייען ווי דראטן אונטער
32 איר רייזע=הוב |...|".
שניאור, 8, 73.

ה ו ב ל - דער, =ס/ =ען, פפּ הובעל, העבעל |ווייכער ל|.

סטאלער=מכשיר, דינט צום גלאט מאכן די איבערפלאך פון ברעטער.

% פירן מיטן הובל איבער דער ברעט. הובליעווען מיטן הובל. א שארפער הובל. (אנ)שארפן דעם הובל.

1910 " מיין געביי באדארף קיין זיילן // און קיין פעסטן

41 פונדאמענט,// און קיין הובלען און קיין פיילן, |...|//

און קיין ערדישן צעמענט".

ראזענפעלד, 5, 97.

1948 " |...| ביי ווענען זיך געשפארט אונטער דער פאכווע

42 האט א זעג, ביי ווענען פון דער קעשענע א הובל האט

געסטארטשעט".

מארקיש, 9, 81.

1972 " דער קלאנג פון איטשע=מאירס **הובל**, פון יאסיעס

האמער |...| האט פול געמאכט דעם קעלער". 43

ראזענפארב, 1, 133.

0 אפריכט=הובל, געזימס=הובל, קארניז=הובל, רייס=הובל,

אמעריקאנער הובל - מינים הובלען, געניטער בנב.

ם **הוביל.**

1602 " זיא הויאן א ם וואלד איין באם אונ׳ דער ווערק מיינשטער

מכט זיא מיט זיינר פייל אונ׳ **הוביל**". 48

ס׳ ירמיה, י ־ ג.

1716 " |...| דער אייזן שמיד דער מעכט איין **הוביל**

אודר מיט דען גרוסן המר |...|". 40

ס׳ המגיד, 3, ישעיה, מד - יב.

ה ו ב ל ב א נ ק - די, ~ בענק. א סטאליערישער טיש, ספעציעל צום הובליעווען די ברעטער, וואס ווערן דערצו איינגעקלעמט כדי זיי זאלן זיך ניט באוועגן ביים באארבעטן זיי. |פינקעל, 1, 63|.

1913 " פון דעם ווערשטאט האט מען ארויסגעטראגן דעם |?| הובלבאנק, דארט האט מען דעם טיש געגרייט און געגעסן". איבז קאברין, 3, 19.

ה ו ב ל = ו א ר ש ט א ט - דער, =ן. דזוו דפוו.

1929 " גראב איז דער בעסטער מאטעריאל פאר סטאליעריי=

53 געצייג, שרויפן צו הובל=ווארשטאטן |...|".

בערמאן, 2, 138.

ה ו ב ל = מ אַ ש י ן - די, =ען. מאשין צו הובליעווען ברעטער.

1932 " ביי איר |ביי דער דרייבאנק| איז ניטא דער אזוי

56 גערופענער "לערגאנג" (ליידיקער גאנג), אין דער

צייט ווען א הובל=מאשין פארלירט א סך צייט אויפן

לערן צוריקגאנג |...| פונעם שנייד מעסער |...|".

זיידל, 1, 3.

ה ו ב ל = מ ע ס ע ר – דאס, =ס. דאס שארפע אייזן וואס געפינט זיך אין הובעל|פינקעל, 1, 20|.

% שארפן דאס הובל=מעסער איף א שלייפשטיין.

ה ו ב ל = ק א ס ט ן - דער, =ס. דאס הילצערנע קלעצל

אין וועלכן ס'שטעקט דאס הובל=מעסער (ספּעציעל ביי א גראם

רובאנעק) |פּינקעל, 1, 31|.

ה ו ב ל ט י ש - דער, =ן. דזוו דפוו.

ה ו ב ל פ ל ו ג - דער, =ז. מין אקער=אייזן |סטוטש 251|.

ה ו ב ל ק ל י נ ג - דער, =ען. דזוו הובל=מעסער

|פינקעל 1, 20|.

ה ו ב ל ש פ א ן - דער, ~ שפענער (ס׳רוב געניצט אין מצ)

דינינקער פאס האלץ, וואס פאלט אפביים הובליעוועו

א ברעט; סטרוזשקע.

1929 " מען הובלט אזוי לאנג, ביז וואנען דער פוגהובל

62 נעמט אראפ הובלשפענער פון דער גאנצער גרעב פון ברעט".

בערמאן, 2, 21.

1937 " פויערטעס מיט קאשיקלען טראגן הובלשפענער".

64 ואדיר, 11, 13.

ס׳פאלן ווי הובלשפענער - ס׳פאלט (אפ) א סך.

לאכן מיט הובלשפענער - לאכן, ווען ס׳ווילט זיך גארנישט,

ווען ס׳איז גאר טרויעריק.

ה ו ב ל י נ ק ע – די, =ס(רוב אין מצ). דזוו הובלשפענער.

% ס׳פאלן הובלינקעס. זיי הייצן דעם אויוון מיט הובלינקעס.

ה ו ב ל י ע ו <u>א</u> נ י ע - <u>די, בא.</u>

1. דאס הובליעוועץ.

% די ברעט איז א הארטס, קומט אן שווער די הובליעוואניע.

2. <u>במצ.</u> <u>דזוו</u> <u>הובלינקעס,</u> <u>הובלשפענער.</u>

ה ו ב ל י ע ו ו ע כ ץ - דאס, במצ. דזוו הובלשפענער.

1956 " איף דער ערד האט זיך גאלדיק געקרייזלט דאס

הובליעוועכץ |...|".

ה. בערגנער, פער 38, נ׳ 25, ז׳ 276.

הובליעווען - טרוו, פאר געהובליעוועט, פפֿ העבליעוועז, הובליען. אפגלעטן (גלאט מאכן) די אייבערפלאך פון ברעטער מיט א הובל.% דער סטאליער הובליעוועט דעם קאנט פון א ברעט.

1929 " א סטאליער ארבעט אויפן הויף לעבן א שניצבאנק און
77 און הובליעוועט א גאנצן טאג ברעטער".
מ. ווינער, 3, 19.

1972 " פון גאנצע טעג שטייך און הובליעוועז ברעטער האט
75 ער באקומען א הויקער".
בריקס, 2, 66.

ה ו ב ל י ע כ ץ - דאס, בא. דזוו הובלשפענער.

ה ו ב ל י ע ן - טרוו, פאר געהובלט. דזוו הובליעווען.

1883 " ער האט די מלאכה גיך און גוט געלערנט: הובליען

90 |טעקסט: הובלען|, האקן, זעגן, שניצן, בויערן |...|".

ג.י. ראוויטש, 3, 31.

1966 " |...| דאס ארט אויף לינקס איז אויף א פינגער ברייטער,

87 דער צוואק דארט פעסטער האלט, די ברעט - געהובלט מער".

האלקין, 4, 93.

1676 " דפ נאך זלצט מן |...| עש |דאס פלייש אויף איין

85/1 ברעטל דז גילאט גיהאבלט איז |...|".

ברנט שפיגל, פרק י"ז.

הובן = פוצערין - די, =ס. (עלט) פרוי וואס מאכט הויבן.

1868 " |...| עס קען זיין, אז א הויבן=פוצערין איז

נאך א מאל פיינער און איידעלער פון אנדערע". 54

פער 177, נ׳ 11, ז׳ 83.

1888 " צוויי מיידלעך מיינע דינען, איינע ביי א הויבן=

פוצערין, די אנדערע ביי א נייטארין". 92

מענדעלע, 3, 225:

ה ו ב ע – די, =ס. ס׳רוב געניצט אין פּקפּ הובקע.
שוואם, שוועמל, ספעציעל דאס שוועמל וואס וואקסט
אויףביימער: דאס אויסגעטריקנטע שוועמל פלעגט א מאל
געניצט ווערן צו מאכן פייער דורך רייבן צוויי הארטע
שטיינדלעך ("סקאלקעס") און דער פונק פלעגט אנצינדן
דאס שוועמל אין מיטן, צווישן די סקאלקעס;די הובקע ניצט
מען אויך צו וואשן און ווישן.

1900 " |...| איינטונקען א בארשט אדער א הובקע אין
102/1 גומי=וואסער און פון אויבן באשטרייכן דערמיט |...|".
ש. שפּירא, 1, 125.

1906 " זיין ליולקע מיט אלע פּריפּאסן |=צוגאבן|, דהיינו:
102 אליי־ונטענעם קאפּסוק (ביימעלע) מיט אנגעבראקטע קורענעס,
מיט אן אנגעבונדענעם דרעטל צו צישצען |=רייניקן|
דעם ציבוק, מיט הובקע און סקאלקע אויף צו קלאפּן פייער".
צ. גאלאמב, 3.

1959 " מ׳איז געגאנגען יעדן טאג אויף דער טאליקע רייסן

95 יאגעדעס און קלייבן שוועמלעך אדער ׳<u>הובעס</u>׳, ווי

מ׳האט זיי ביי אונדז אין מאלינעץ גערופן".

<u>ה. אקערמאן, פער 68, I!!V/15.</u>

ה ו ב ק ע - די, =ס. פקפ פון הובע ( ----> ).

(?נ?) ה ו ג ה = ד ע ו ת |הויגע=דייעס| - דער, מצ: הוגי=דעות.

(לל) דענקער, פילאָזאָף.

% מארטין בובער איז איינער פון די גרעסטע הוגי=דעות

פון דעם 20 סטן יארהונדערט.

ה ו ג י י ע ר - דער, =ס. (זאאל) זגאל פון רויבפייגל

|סטוטש 247|.

ה ו ג ע נ א ט - דער, =ן. אנהענגער פון קאלוויניזם אין

פראנקרייך אין XVI י"ה.

1970 " כאטש די ווייטע אפשטאמונג מיינע איז פון די

פראנצויזישע הוגענאטן, אבער אין מיינע אדערן פליסט 105

שוין ריין דייטשיש בלוט |...|".

נ. זאבארע, פער 131, נ' 10, ז' 64.

ה ו ג ע ר ק ע - -----> <u>אוגערקע</u>.

ה ו ד |הויד| - דער, בא. (לל) פּראכט, גלאנץ, שיינקייט.

1943 " זי זוכט שירה און גבורה, זוכט הוד// און מלכות

109 און ווערט עס געפינען ביי זיי".

באריישא, 3, 44.

1959 " זאל האנט פון גאולה // פון חסד און הוד // אין

110 הויפנס אין פולע // אונדז אנטראגן פרייד".

לייוויק, 12, 74.

0 הוד והדר |הויד וועהאדאר| - (לל) פּראכט און שיינקייט.

|1959| " אין תוך גענומען איז ניטא קיין מחיצה |...|

144 צווישן שיינקייט און אמת, |...| אזוי ווי עס איז ניטא

קיין מחיצה צווישן דער נאטורס הוד והדר און גאט,

וואס איז אין זיי אנגעקליידט".

ניגער, 9, 244.

<u>הוד מלכות</u> |הויד מאלכעס| - קיניגלעכע פראכט, מאיעסטעט.

1965 " אוודאי האט איך טשערנאוויץ נישט אויסגעזען דער

114 הויף, ווי דער באיאנער הויף, עס איז נישט געווען דער

<u>הוד מלכות</u>, וואסביים אלטן באיאנער רבין".

<u>זיכערמאן, 1, 162</u>.

<u>הוד מלכותו</u> |הויד מאלכאסוי| -זיין מאיעסטעט |געניצט אין

א ווענדונג צו א קייסער/קיניג.

<u>הוד מעלתו</u>|הוד מאלאסוי| - זיין עקסעלענץ |געניצט ביים

ווענדן זיך צו א הויכגעשטעלטער פערזאן.

(?נ?) ה ו ד א ה |הוידאע | - די, =ות. (לל).

1. צושטימונג, באשטעטיקונג, דאס מודה זיין.

1870 " די מוטער האט עס אליין אויך פארשטאנען, נאר זי האט זיך זייער געשראקן, ניט אזוי פאר דער מעשה, ווי פארן קינדס געשטענדעניש (הודאה)". 120

נ. הערשענהארן, פער 177, נ׳ 40, ז׳ 294.

|1957?| " כאטש מיר באגרייפן ניט, ווי אזוי אלץ איז ממש גארניט אנטקעגן אים, פון דעסטוו גן זיינען מיר מודה מיט אן אמתער הודאה, אז אזוי איז דאס". 118

איבז אנ, ליקוטי אמרים, ז׳ 246.

2. דאנקזאגונג, דאס דאנקען.

% די רייד זיינען פול מיט ברכות און הודאות פארן בעל=צדקה.

3. באשטעטיקונג צו קענען זיין א שוחט.

182... " אומידום די שוחטים דארפן בייא זיין |דעם רבינס|

213 שוחט איין הודאה נעמן".

מאלאגא, 1, 228.

1868 " |זיי| זאלן אים שואל/דורש זיין בהלכות שחיטה

214 ובדיקה און געבן הודאות".

פער 177, נ' 16, ז' 120.

ה ו ד א ו ו ק ע - <u>די, =ס.</u> <u>דזוו</u> <u>הוידע, הוידלקע.</u>

1908 " ניט וויַיט פון ברונעם א <u>הוידאווקע</u> אויף שטריקלעך

61 צווישן צוויי סלופעס".

<u>הירשביין, 7, 7.</u>

1954 " די <u>הוידאווקע</u> |...| איז געשטאנען אויפן הויף

61/1 מיטן זיצברעטל אויף א שלעסל צום אראפנעמען און פארשליסן".

<u>פ. לערער, יזב 10, 387.</u>

ה ו ד א ל ק ע - -----> <u>הויד(ע)לקע.</u>

ה ו ד א ק - דער, בא. א פייף (ס'רוב וועגן פייף פון א
פאבריק=סירענע, אן אליארעם=סירענע).

1930 " עס דערהערט זיך א הודאק, א לאנגער און אויסגעצויגענער!
124 בערגעלסאן, 19, 89.

1956 " |...| צעטומלט האט פון צוג אים דער הודאק |...|".
129 מארקיש, 10, 166.

ה ו ד ו | הוידו | I – דאס ערשטע ווארט פון א תפילה:

"הודו לה׳ כי טוב" ( טייטש: דאנקט גאט , ווייל ער איז גוט),

לויט געווויסע מיההגים (למשל, ביי חסידים) ווערט די

תפילה געזאגט צום ערשטן, דערנאך די תפילה "ברוך שאמר",

לויט אנדערע מיההגים איז דער סדר פארקערט.

1886 "ס׳האט זיך געטראפן, אז ווי דער חזן האט אנגעהויבן

134 זאגן ׳הודו׳, האט מען אים אראפגעפירט פון עמוד".

פער 74, נ׳ 36, ז׳ 592.

... " צי כתרילעווקער יידן זאגן איינעם דאווענען פריער

135 ׳הודו׳ און נאכדעם ׳ברוך שאמר׳".

שלום=עליכם, 7א, 205.

II ער זאגט הודו נאפשוד (ווער: נאשפיץ, ווּפעריאד) –

(שפאטיש) ווען א חסיד | עלזעט, 1א, 33 |.

| נאפשוד – פויליש: פארויס! ווּפעריאד – רוסיש: פארויס!

נאשפיץ – פויליש: פון פארנט! |.

<u>אפזאגן הודו מיט א לאקש</u> – זאגן א גרויסן ליגן.

<u>ווי קומט הודו אין באד אריין?</u> – ווי קומט איינס צום אנדערן?
ווי פאסט עס זיך איינס צום אנדערן.

<u>הודו אין באד, שמיץ אין יאנאוויץ</u> – <u>דזוו דפוו</u>.

<u>הודו הודו גייט אויך פארן!</u> – [illegible]ידועגן עמעצן וואס האלט
זיך קוים אויף די פיס (הוידעט זיך) און וויל גיין
צווישן די געזונטע אויף ארבעט. ווארטשפיל: <u>הודו--<--הוידע</u>.
<u>ווערטלעך פון דער חורבן=צייט |בלומענטאל, פער 90, נ׳!XX -2|</u>.

<u>ס׳גייט הודו פאר עלינו</u> | אליינו, לעצטע תפילה| – ס׳פארט
א שוואכער אנשטאט א יונגן א געזונטן (דז ווארטשפיל) |דצוו|.

<u>היינט זאגט ער הודו, מארגן פאלט ער כורעים</u> – פריער הוידעט
ער זיך (וואקלט זיך) דערנאך פאלט ער אוועק. |<u>דצוו</u>|.

הודו |הוידו| !! - אינדיע, די ערשטע פון די 127 מדינות איבער וועלכע ס'האט געקיניגט אחשורוש;

" מהודו ועד כוש" |פון הודו ביז כוש|. די ווערטער קומען ארויס אין א צאל גלייכווערטלעך און ווארטשפילן.

17 הודו מיט כוש |קוש| - וועגן צוויי ווייטע פונקטן, פארקערטע זאכן.

פון הודו ביז כוש - זייער ווייט, א גרויסער מהלך.

1970 " ער האט אן אנטיסעמיטישן רעקארד, וואס גרייכט פון הודו ביז כוש". 140

י. ג|לאטשטיין|, פער 69, 27/XII.

זאגט ער הודו, זאגט זי כוש, זאגט ער פלייש, זאגט זי פיש - וועגן קריגער יען צווישן מאן און ווייב.

<u>זאגט ער פלייש, זאגט זי פיש, זאגט ער הודו זאגט זי כוש</u> -

ווארטשפיל: כוש - קוש.

<u>וואס גלייכסטו הודו צו כוש? הודו איז אויבן און כוש...|קוש|אונטן</u>.

ה ו ד ז ש ע ן - אומוו. פאר געהודזשעט,

פפ: הודזיען, הודיען, הודען. ארויסברענגען א לאנגן,

צעצויגענעם און נידעריקן קלאנג.

% דער ווינט הודזשעט. די עראפלאנען הודזשען.

ס'הודזשעט מיר אין קאפ.

1910 " א גאנצער חיל שלאפט אין קלויז - // די ארעם=בחורים,

פרושים;// עס הודזשעט דארט א כראפעריי,// מיט אלע

ל"ב פירושים".

פרוג, 2, 237.

1928 " דארט אויבן |...| הודזשעט עפעס א מאשין".

האראנטשיק, 1, 35.

1943 " דער גאנצער ארומגעצאמטער גבירישער הויף האט געהודזשעט

מיט ארבעט און געזאנג". 164

דעמבלין, 3, 8.

ד) הודזשען:

וו<u>י אין באד, ווי אין ברויז. ווי אין שענד,</u>

<u>ווי אויף א יאריד. ווי אין א חסידארניע.</u> -

הודזשען שטארק, לאנג.

ה ו ד ז ש ע נ י ש – דאס, בא. אקט פון הודזשען לאנג, כסדר, פון א סך זאכן.

% מ׳הערט א הודזשעניש פון א סך עראפלאגען.

1972 " יעדער האר האט געשטאכן, ווי א נאדל, דער טומל פון הויף האט דערגרייכט צום איוער ווי איין הודזשעניש. 183

ח. ראזענפארב, 3, 380.

ה ו ד ז ש ע ר יי - דאס/די, בא. דזוו הודזשעניש.

1951 "די הודזשעריי פון די וועבשטולן".

סעגאלאוויטש, 13, 88.

ה ו ד ז ( י ) ע ן - דזוו הודזשען.

1935 " איך קוימען הודזעט א שארפער ווינט און וואיעט

ביידזערדיק און געדיכט".

מ. דעכטיאר, פער 131א, 124.

ה ו ד י נ ע - די, =ס. דאס שטענגל פון געוויסע געוויקסן

1935 " באהעפט איז דער קירבעס מיט דער ערד דורך א

162 לאנגער שטעכיקער הודינע".

א. קיפניס, 1א.

ה ו ד י ע ן - אוסוו. דזוו הודזשען.

... " אומעטיק סווישטשעט דער ווינט, וואיעט און הודיעט".

180 נחום יוד, פער 143א, I, ז' 303.

ה ו ד ל ע ר - דער, =ס. פארטאטש, דער וואס מאכט אן ארבעט שלעכט.

1928 " א! - האט וואסיוטקע א פויערישע מינע געמאכט,-
210 איך קען זיי, די זשידעס, די הודלערס".

גאדינער, 1, 132.

210 הודע – די, =ס. "א וויג" |קטרו|.

> רעד: אפשר מיינט דער אינפארמאנט א "הוידע"?

ה ו ד ע ה |הוידאע| - די, =ות. מעלדונג, באקאנטמאכונג.

% אין בית=מדרש הענגט א הודעה וועגן א דרשה פון א מגיד.

ה ו ד ע ן – אוטוו. דזוו הודזשען.

1928 " |...| האט ווילד א שטורעם זיך פארדרייט,// אין

187 לופט געהודעט האבן רייד".

פעפער, 2, 15.

1955 " |...| צעיאמערט זיך אן עפא אין דער וואזע,//

181 און פארגייט זיך אין א הודען פון א גלאק".

מאניק, 1א, 172.

ה ו ד ע ן  ז י ך - רעפל. זיך אליין הוידען.

שאקלען זיך, וויגן זיך הין און צוריק, ארויף=אראפ.

% קינדער האבן ליב צו הוידען זיך אויף א הוידעלקע.

דער פאמפעדקל פון זייגער הוידעט זיך הין און צוריק.

ער הוידעט זיך אויף א וויגשטול.

1890 " אויף דער פאדלאגע האט זיך דער שאטן געהוידעט,

געווארפן, געצאפלט". 110

פרץ, 17, 54.

1932 " |...| זי האט זיך גענומען הוידען אויף דער בריטשקע |...|"

זינגער, 5א, 60. 110

1948 " אויב ניט ארויסגעבן דעם דאקטער מ׳עט אים באלד,

איז וועלן הענגען און זיך הוידען אלע דרייצן!".

מארקיש, 9, 85.

ה ו ד ע נ ע - די, בא. (ארויסרעדן נאר: ).

שטענגלעך פון געוויסע געוויקסן, ווי אוגערקעס,קאווענעס,

דיניעס אד"גל.

1903 "די קליינע |...| אוגערקעלעך, וואס קריכן נאר וואס

1030 ארויספון דער גרינער'הודענע' |טעקסט: האדענע|".

שלום=עליכם, 20, |זייט|, דערצ' גרינס אויף שבועות".

... "א קאוונדל א קליינינקס,// א קאלעכיקס, א גרינס,//

1029 האלט זיך ביי א הודענע |טעקסט:האדענע| // מיט א העלדזעלע

א דינס". קוויטקא, 9, ליד "דאס קאוונדל".

.................................................................

רעד: 1. ס'איז א חידוש וואס ש"ע קוויטקא (ביידע פון אוקראינע)

האבן אויסגעלייגט "האדענע", וואס מע קאן עס לייענען

אויך , ווען אין אוקראיניש אפשטאם איז עס בפירוש

מיט אן אקצענטירטן " ú " וואס קאן ניט

איבערגיין אין " O " אין יידישן ארויסרייד.

דער איינציקער תירוץ קאן אפשר זיין, אז זיי האבן
זיך מורא געהאט אז דער פויליש-אוקראינישער ייד
זאל "הודענע" לייענען "הידענע" (אשטייגער ווי הונט=
הון= ).אבער שרייבן דארף מען "הודענע".

2. ביי דער ציטאטע פון קוויטקאן איז דער מקור
אנגעגעבן "דאס קאוונדל, רינג איין רינג", ז' 174,124?
אין לעקסיקאן איז אזא בוך "רינג איין רינג" פון
קוויטקאן ניט אנגעגעבן...

ה ו ד ע ר - דער, |=ס?|. (עלט) א ווייס פערד.

1938 " באלד רייט ער אלהי אויף א זילבערנעם הודער //

216 און זאמלט באאיינעם דיין שוועסטער און ברודער".

סוצקעווער, 3, 204.

רעד: די ציטאטע איז פון זיין ליד אין אלט=יידיש
און ער גיט א טייטש: "דאס ווייסע פערד אויף וועלכן
ס׳וועט קומען צו רייטן משיח". אין ווערטערביכער
פון מה"ד ניט געפונען אזא ווארט. ס׳איז יא דא:
מיטן באטייט "א משא=פערד".
די פראגע איז, צי פון "האדעל" איז געווארן "הודער".

ה ו ד ע ר יי – דאס/די בא. דזוו הודזשעריי.

1910 " |...| שטייט אויף פאר מיר |...| א הייסער פייערדיקער

203 פאטש מיט א הודעריי פון אן איבערגעקערטן שטענדער".

פרוג, 3, 10.

ה ו ד ע ר ן - <u>אוטוו. בנב.</u>

1957 " צי הערסטו נישט, ווי אפט דורך נאכטגעהייל ער

188 הודערט // און טראמפלט אורביימער אין חרובדיקן שפאן?".

פיינבערג, 6, 116.

רעד: אין ווערטערביכער פון ניי-הויכדייטש און
מה"ד ניט געפונען אזא ווארט. ס׳איז דא: גה"ד
, מיט באטייט:ארומוואנדלען,
באוועגן זיך אהין און אהער (ארומשלעפן זיך?)
און מה"ד מיטן באטייט שטרייטן,
קעמפן. ווי פאסן זיך ארײַן די ווערטער אין
דער ציטאטע?

(?ב?) ה ו ד ק ע - די, =ס. װענדקע, מכשיר צו כאַפּן פֿיש.

1956 " |...| מען אַרבעט זיך ניט איבער |ביים כאַפּן פֿיש|,

217 װען מע זיצט אויפֿן ברעג |טייך| און מען פֿאַרװאַרפֿט

א הודקע".

ש. מיללער, פער 38, נ׳ 25, ז׳ 202.

........................................................

רעד: װי קומט דא דער "ה"? דאָס װאָרט קומט פֿון

רוסישן אָדער פֿון אוקראַאינישן

(אויך זעלטן געניצט) אָדער מיט זעלבן באַטייט.

........................................................

ה ו ה - -----> הוּוה.

ה ו = ה א - דער, בא. טומל, גערודער, האוועניש.

% אויפן יאריד איז א ליארעם, א הו=הא.

... " טאג ווי נאכט איז ביי זיי הו=הא! מע שרייט,

מע קוויטשעט, מע הרגעט זיך און מע שלאגט זיך". 18

שלום=עליכם, דערצ׳"דאס טעפל".

1936 " באפרייט פונעם בייטאגיקן הו=הא, אין שטילן |...|

חדר, |...| האט דער בריוו אים ווידער צערודערט". 2

האראנטשיק, 3א, 99.

1963 " וואס ארט דיך, קינד, דער גאס=הו=הא |...|".

מ.מ. שאפיר, 1, 90. 8

ה ו ה  א מ י נ א ---> **הווה אמינא.**

184 ה-

ה ו ה א ע ן - אוטוו. (שנש) טומלען, רודערן,האווען.

1971 " מען שעמט זיך גארנישט שטענדיק צו הוהאען

20 און האווען |...|".

שטיינמאן, 1, 52.

ה ו ה ו ק ע ן - אוטוו. (אנאמ) ארויסברענגען דעם קלאנג "הו", שרייען הו=הו!

1937 " ווייט איך וואלד האט עפעס טויב און מאנאטאן געהוהוקעט, אין איך האב שוין ניט געקאנט פונאנדערקלייבן, צי דאס הוקעט א ציג |...| צי א קוקאווקע".

פאליקמאן, 1, 179.

ה ו ו א א מ י נ א ----> **הווה אמינא.**

ה ו ו א י - -----> __הוויה !.__

ה ו ו ה I |הױװע| - דער, בא. (לל)

1. דער איצט, די איצטיקײט, דער הײנט.

1957 " דאס טאן |תשובה| דארף זײן א צװײיענדיקער?

228 צאלן די אלטע חובות און פירן א געזונטן הווה".

איבז אנ, ליקוטי דיבורים, ז׳ 184.

1963 " זײנען מיר ארײן אין א הווה|...|".

228/2 לײװיק, 14, 111.

רעד: דערגאנצן די ציטאטע.

2. (גראמ) העברעיש) די איצטיקע צײט אין װערבן.

% בײגן דעם פועל אין הווה און אין עבר.

ה וו ה III - |האווע| - געניצט אין דער פראזע:

/7 כך הווה |קאך האווע| - אזוי איז (טאקע) געווען.

|1907 - 1908| " דערווייל מאך חתונה!... וכך הווה.

אויפן ראש=ישיבהס באראט|...| האט מיט מלכהן א בעל=הבתישן

שידוך געטאן".

פרץ, 17, 372.

הווה אמינא |האווא אמינא/האווע=מינע| - פר. (לל)

טייטש: וואלט איך מיינען, וואלט איך זאגן, באטייט: דארף מען טראכטן, קאן מען מיינען, איז אנצונעמען, איז מיגלעך/ווארשיינלעך.

1819 " דער לאטאקער רב האט דאס מיר אמוסטנע דרצעהלט, 218 וואריך בייא איהם איז קיין אנדרי הוה אמינא גיוועז נור אז דיא גויה איז משוגעבערת|?| פון צוויי מתנגדים".

יוסף פערל, 1, 82.

1863 " עס איז הווה אמינא, אז דער נייער קעניג וועט 220 ערשט איבער א יאר |...| איבערנעמען די מלוכה".

פער 177, נ׳ 22, ז׳ 340.

1947 " ס׳איז א הווה=אמינא, אז פונקט |...| ווי דער 229 אנפאל אויפן סאוועטן=פארבאנד איז ניט געווען קיין אימפראוויזאציע, אזוי איז די ראדיקאלע פארענטפערונג פון דער יידישער פראגע ניט געווען קיין פלוצימדיקער איינפאל".

מ. ווייגרייך, 5, 23.

ם 1716 " ביז וויא לאנג נאך ווערן זיא פלש נביאות זאגן
49 איז דען אין אירן הרץ פון די שקר נביאים אונ' דיא
דא זאגן שלקהפטקייט פון אירן הרץ, א ין הוה אמינא
דז איר מחשבה זעלט פארט גין |...|".
ס' המגיד, 3, ירמיה, כ"ג - כ"ו.

ה-



ה וו ה ד י ק |הויוועדיק| - אדי. (שנש) איצטיק, היינטיק,

מאדערן.

1966 " מען האלט אז די מאדערנע וועלט=ליטעראטור איז

א הווהדיקע, די יידישע איז א ליטעראטור פון עבר, 229

פון אמאל. מען זאגט דאס ווי א פארוווּרף, א טענה".

י. האפער, פער 169, מאי יוני.

ה ו י ה |האוואיע| ! - די, =וח. (לל) דאס זיין, די

רעאליטעט.

1953 " אין דער גאנצער הויה (זיין) אינטערעסירט אים

|...| מער פון אלעמען לעבן, ארגאניש לעבן". 232

ח. גרינבערג, 1, 23.

1969 " די הויה פון א נדזער פאלק האט איינגעשטעלט

א ווערטלעכן און געאגראפישן בונד צווישן |...| 231/1

שכינה און דעם ארט ווו• די שכינה רוט".

(איבז?) ל. אשכול, פער 38, נ' 66, ז' 7.

0 שם הויה |שעם האוואיע| - (אייפ) נאמען פון גאט, איש

אנשטאט "יהוה".

ה ו י ה |האוואיע|!! - די, =ות. (לל) וויכוח,

פילפול אין הלכה=ענינים.

הוֹ י ה ד י ק |האוואיעדיק| - אדי. (לל) רעאל, בנמצאדיק,
ווירקלעך |סטוטש 1|.

ה ו י ו ת = ה ע ו ל ם|האוואיעס האוילעם| - די, מצ. (לל).

זאכן פון דער רעאלער וועלט. פראקטישע ענינים;וועלטזאכן.

1931 " פאלט דער |...| יונגערמאנטשיק אויף א המצאה

237/1 און כאפט אריבער דעם קלויז=בחור אויף א וואכעדיקן

שמועס, אויף הוויות העולם".

זילבערבוש, 3, 27.

1953 " עס איז נאטירלעך, אז זיי |די גייסטלעכע| זאלן

237 זיין ווייניקער באהאוונט אין הוויות=העולם |...|".

ח. גרינבערג, 2, 165.

1961 " |...| ארויסגיין אין גאס צווישן מענטשן, עוסק

233 זיין אין הוויות=העולם, טאן משא=ומתן און דעמאלט

בלייבן ווילנער גאון - דאס איז א קונץ".

טרונק, פער 69, 23/IX.

ה ו ל י ו ת |האווליעס| - מצ. (לל) נישטיקייטן, נארישקייטן,
אבסורד.

**רעד:** דאס ווארט איז אנגעגעבן דורך אן אינפארמאנט,
ביי דעם ווארט איז דא א ביישפיל (ציטאטע?):
ארייגעשטופט אין די האלאבאליעס פארדרייט א הוז"
זעט אויס אז ס'מוז האבן א שייכות צו פערדגעשפאן

ה ו ז א ר - דער, =ן, פפ הוסאר. א סאלדאט פון אמאליקער
לייכטער קאוואלעריע, אנגעטאן אין אונגערישער נאציאנאלער טראכט,

1868 " א קארעט ע מיט 4 פערד נאשפיץ, |...| א הוזאר
זיצט אין קארעטע און ווארפט ארויס געלט אויף דער 241
גאס ארויס.
י.ב. פאלקאוויטש, 1, 50.

1910 " א הוזאר (אין שטעטל איז קאוואלעריע געשטאנען),
א הוזאר מיט א קיווער, מיט שווערד |...| א בריה נפלאה
אויפן פערד |...|".
פרץ, 17, 389.

1920 " |...| מגולגל ווערן אין א פרייסישן הוזאר און
רייטן און אראפפאלן פון פערד". 245
ווינטשעווסקי,1,251.

1974 " יוזעף בערקאוויטש איז דער זון פון בערעק יאסעלעוויטש,

|...| איז אין 1809 אריינגעטראטן אין א פוילישער

הוזארן=פארמאציע".

יזב 17, 41.

ם
## הוסאר.

1743 " האבן דיא הוסארין גוועלט די יהודים גאס פלונדרין,

1398 אבר דר יעניראל האט דיא דא פון (מציל) גוועזן".

שארית ישראל, דף קל"א.

הוזאריש - אדי. (ווי) פון הוזארן, שייכדיק צו הוזארן.

1932 " |...| האבן ארויפגעצויגן אויף זיך הוזארישע

248 רעקלעך".

זינגער, 5א, 23.

ה ו ז ע = ב ו ז ע - פר. טומל, גערודער, בהלה.

1889 " איך הויף איז געווארן א **הוזע=בוזע.**// יעדער

251 האט געכאפט דורכזעך די מזוזה".

י.ל. גארדאן, 1, 15.

ה ו ז ע פ ל א ק - |דער? די? מצ?| "ווייסע ברייטע אדערן,

252 וואס געפינען זיך אין פלייש, וואס מע קען נישט צעקייען".

|קטוו, י. בריקס, קעלצער געגנט|.

| |
|---|
| רעד: מסתמא מיינט מען דזוו הארפלאקס \|<--\| |

ה ו ז ש א ! – אינט.

1. אויסרוף ביים אנרייצן א הונט אויף עמעצן.

2. (פיג) אויסרוף ביים העצן עמעצן צו קריגן זיך, צו א געשלעג.

ה ו ז ש ב ע  -  די, =ס. "קורצע קאנאטלעך |=שטריקלעך|, געהעקלטע |=געפלאכטענע?| פון לאזע |=ריטלעך| צו בינדן די קלעצער אין פלעניצעס |?|. א הוזשבע פארטשעפעט די קלאץ צום שטאנג און פארקניפלט עס מיט א קניפל" |קסוו|.

ה ו ז ש ד א ו ק ע - די, =ס. (רעג פוילן)

דזוו הוידע/הוידעלקע.

1960 " האט זי זיך געשפילט איך באהעלטעניש, זיך געהוידעט

260 מיט די קינדער אויף הוזשדאווקעס און נאך אנדערע שפילן".

פ. שטיינוואקס, פער 68, ד/3.

1972 " און אפשר וועלן מיר גייך צו די הוזשדאווקעס? -

258 האט כאצקל ארייגעקוקט יענטין אין די אויגן".

פולאווער, 1, 280.

ה ו ז ש ל ע ן - טרוו. שאקלען, וויגן.

1937 - 1939 " גליקע איז ארומגעלאפן |מיטן קינד| איבער

262 דער שטוב און געהויזשלט, אבער דאס קינד האט זיך בשום

אופן נישט געלאזט איינגעמען".

פערלע, 2, 403.

.................................................

רעד: דער טייטש "שאקלען" איז דא אין דער ציטאטע

(איינגערינגלט אין קלאמערן). ס׳איז ניט קלאר

צי דער טייטש איז פון פערלען אדער פון דעם

איבערשרייבער.

.................................................

ה ו ז ש ע ן - אוטוו. דזוו הודזשען.

1926 " |...| ריטמיש געוויגט זיך אין סקריפענדן שטול,//

195 לעם אים האט געהוזשעט אין שפולראד א שפול".

גודמאן, 1, 271.

1951 " |...| גרילן האבן געגרילצט און זשוקעס האבן

190 געהוזשעט".

י. בערעביטשעז, פער 106, 1555.

1971 " האלטן זי פעסט די צוים! - האט ער איר געשריען אין

199 אויער אריין, כדי דאס הוזשען פון שטורעם, זאל אים

נישט פארגלושען ס'קול".

דעמבלין, פער 155, !!!V/1.

ה ו ז ש ע ר יי - דאס, בא. דזוו הודזשעריי.

1899 " ס'ווערט א הוזשעריי, א קלאפעריי, מע שרייט און

208 מע ליארעמט |...|".

וויערניקאווסקי, 1, 30.

1939 " |...| דערהערט זיך א פריילעכע הוזשעריי

206 און א יסגעשרייען: לחיים, לחיים!".

שניאור, 4, 107.

1951 " די פענצטער אין דער ישיבה האבן זיך דאך שוין

207 געטרייסלט פון דער הוזשעריי פון זייערע |פון די דייטשן|

הארמאטן".

פ. מארקוס, פער 106, 684.

ה ו ט <u>I</u> - <u>דער/די, מצ היט/הוטן.</u>

1. קאפצודעק פון מענער (ס'רוב וועגן א קאפעליוש).

% ווייכער/הארטער <u>הוט</u>. א <u>הוט</u> מיט ברייטע/שמאלע ראנדן.
אנטאן, טראגן א <u>הוט</u>. אראפנעמען/אראפציען דעם <u>הוט</u>.
א קראם פון <u>היט</u>. <u>מענערהוט</u>. <u>דאמענהוט</u>. <u>צילינדער=הוט</u>.

1881 " |...| דארפסט ארויפציען אויף זיך דעם ראק,
289 אנטון דעם <u>הוט</u>, |...| האידא גלייך צו דער מאמזעל".
<u>דלוגאטש, 2, 54.</u>

1908 " געזונט איז צו טראגן א <u>הוט</u> מיט א ברייטן ראנד,
280 זומער א שטרויענעם און ווינטער א פילצענעם".
<u>גאטליעב, 2, 43.</u>

1924 " ווייטער זענען |...| יונגען געגאנגען, זייער הוטן
278 זענען |...| טיף געלעגן אראפגערוקטע איבער זייערע אויגן".
<u>ע. ווארשאווסקי, פער 100ב, 64.</u>

1956 " |...| ניט אראפגענומען האט ער דעם בושלאט און

ניט פארביטן אויף קיין הוט די בעזקאזירקע 275

|=היטל אן א דאשיק|".

מארקיש, 11, 336.

2. פּקפּ היטעלע. געפוצטער קאפּצודעק פון פרויען (אבער ניט

וועגן א טיכל).

% מאדישע היט. זי טראגט א גרינעם הוט מיט א בלויער

לענטע ארומגעפאסט.

... " מיידעלע, מיידעלע, ביסט מיר זייער גוט,// איך

וועל דיר שענקען א שיינעם הוט". 965

פל.

1927 " שלעפט זי זיך און דרימלט אונטער,// גליטשט זיך

איר דער הוט ארונטער |...|". 282

מ.ל. האלפערן, 9,2.

1956 " |...| אין הוטן מיט שטרויספעדערן".

באשעוויס, 5, 119. 274

/7 אראפנעמען דעם הוט (פאר עמעצן) – אויסדריקן רעספעקט, כבוד.

ם הוט.

1544 " ער טרוג אויף זיינם הויפט איין גרושן קופפרן

הוט.// דאר צו טרוג ער איין פאנציר בון שטאהיל גוט". 279

שמואל=בוך, סטר' 329.

1732 " |...| מוז גאט דנקן אש |ער| דרף פר אנדרי ניט

אפצו נעמן זיין הוט". 276

עיון יצחק, דף 35.

(?נ?) ם **ה ו ט !!** - די, מצ היטן.

1. געצעלט, וווינונג

1626 " אונ' עש וואר (בשלם) אין ירושלם וואר גוטש הוט

(ומעונתו) אונ' זיין וואונונג וואר אין ציון". 288/1

ס' המגיד 1, תהילים, עו - ג.

1679 " איטליכר זאל קלויבין זוא פיל, דש ער פר זיך עסין

מאג, אונ נעמין איין (עומר) פר אידרש הויבט, נוך 288

דער צאל דער לייבר דיא ער אין זיינר היטין האט".

בליץ, שמות, טז - טז.

2. וואכהויז.

1610 " |...| זיא לישן אין אין דער הוט צו בישיידן צו אים

אויף ווארט גאט". 290

טייטש=חומש, ויקרא, כד - יב.

1737 " |...| על משמר - הוט".

מלמד שיח, דף 26. 288

ה ו ט = ... !!! - באשטימטייל פון צונויפהעפטן, באטייט:

פון א הוט, פון היט, שייכדיק צו הוט.

% הוטבאנד, הוטראנד, הוטמאכער.

ם ח ו ט ע - ←------ הוטע.

ה ו ט א ר ע ל י ע – די, =ס, פפ̄ הארעליע.

הוידלקע |סטוטש 514|.

ה ו ט ב א נ ד - דער, ~ בענדער. לענטע וואס קומט ביי

א הוט ווי א באפוץ.

218 ה-

ה ו ט ב ע ר ש ט ל - דאס, =ער. בערשטל צו פוצן היט.

ה ו ט ג ע ש ע פ ט - <u>דאס, =ן</u>. קראם ווי מע פארקויפט היט,

אויך ווי מע מאכט היט.

1865 " דאס |?| מאגאַזין און די ווערקשטאטן פון דעם <u>הוטגעשעפט</u>

292 געפינט זיך פון היינט אן אין טש-ס הויז".

<u>פער 177, נ' 46, ז' 704</u>.

(?נ?) ה ו ט ד ר א ט - דער, =ן. |סטוטש 522|.

דער דראט וואס האלט שטייף דעם דענעק פון הוט.

רעד: ניט זיכער אין אויסטיישש!

ה ו ט ה ע נ ד ל ע ר - דער, =ס/מצ דז. דער וואס האנדלט מיט היט.

1868 " ה׳ ט.... וואס איז אין אדעסא אלס איינער פון

294 די בעסטע הוטהענדלער באקאנט |...|".

פער 177, ג׳ 16, 341.

ה ו ט = מ א ג א ז י ן  –  דער, =ען. קראם ווו. מע פארקויט היט.

1867 " אין דעם הוט=מאגאזין |...| איז אנגעקומען א

295 גרויסער אויסוואל פון מענער=,דאמען= און קינדערהוטן".

פער 177, נ' 12, מודעות, ז' 95.

ה ו ט מ א כ ע ר - דער, =ס/מצ ד?, פפֿ היטמאכער, הוטן=מאכער.

ה ו ט נ א ד ל - <u>די, =ען</u> |<u>סטוטש 522</u>|.

א גרויס דעקאראטיווע נאדל מיט וועלכער מע פעסטיקט צו

געוויסע דאמען=הוטן צו די האר.

ה ו ט נ י ק – דער, =עס.

1. דער, ווּאָס. ארבעט אין א הוטע.

ם
**הוטניק.**

1715 " דא איז דער חיים הנ"ל גינגן מיט דעם הוטניק

312 צו ריק אין דער הוט |...|".

שו"ת פני יהושע, ז׳ 200.

ה ו ט ן = מ א כ ע ר ק ע - די, =ס. פרוי וואס ארבעט
אויס דאמען=הוטן.

1885 " איך האב געוואלט ווערן א נייטארין, א מאדיסטקע,
297 א הוטן=מאכערקע איז מיר פשוט ניט אנגעשטאנען,
ווייל אלע קבצנישע מיידלעך זענען מאדיסטקעס".
פער 74, נ׳ 27, ז׳ 410.

ה ו ט ן = פ ר צ ע ר ק ע - די, =ס. דזוו הוטן=מאכערקע.

ה ו ט ע - <u>די, =ס.</u> אינדוסטריע=אונטערנעמונג, וווּ מע
שמעלצט אויס מעטאלן אדער צעראמיק (ספעציעל וועגן גלאז).

1923 " די שטאט האט ניט קיין <u>הוטע</u> |...| איך אלע עקן
324 וועלט וועט גיין דאס גלאזווארג פון זיין הוטע".
<u>פערלע, 3א, 154.</u>

1973 " לעגיאנאווע |...| איז געווען א יישוב פון עטלעכע
315 צענדליק משפחות, ארבעטער אין דער ארטיקער <u>גלאזהוטע</u>
און באן=אנגעשטעלטע".
<u>פרייבערג, 1, 13.</u>

<u>הוט</u>.ם

1715 " ער האנדלט מיט גלאז בבן איז ער געוועזין גיפארן
318 אין די <u>הוט</u> ב׳ פרסאות מלא חוויצא און האט עטלעכע וואכן
גיזויאמט אין די <u>הוט</u> |...|".
<u>שו"ת פני יהושע, ז׳ 200.</u>

229 ה־

ה ו ט ע ל ק ע - די, =ס. (רעג וור, פאלעסיע) א הוידלקע.

1927 " עס לעגן הויזגעצייג - לאפעטעס, א האק, א זעג,

325 קינדער=שפילצייג, א הוטעלקע".

מ. לעוויט, 2, 58.

ה ו ט ע ר ק ע - <u>די, =ס.</u> (<u>רעג וור</u>) שמועס, רייד.

<u>רעד:</u> לויט אינפארמאנטן וואס האבן דאסווארט אנגעגעבן זאל עס מיינען: 1) " א געוווינהייט ביי א מענטשן" |וויטעבסקער קאנט|. 2) שפאס, א וויץ |מינסקער קאנט|.

הוט(ן)=פֿאבריקאנט - דער, =ן. דער וואס
פאבריצירט הוטן.

1884 " א רייבער הוט=פאבריקאנט (קאפעלושניק) |...| איז
פלוצעם געקומען אויף דעם געדאנק, אז נישט אלע מענטשן 301
זענען גלייך |...|".
פער 74, נ׳ 46, ז׳ 726.

ה ו ט צ ו ק ע ר – דער. בא. פפ היטל=צוקער.

האַרטער צוקער, פלעגט אַ מאָל פאַרקויפט ווערן אין

גרויסע שטיקער אין דער פאָרעם פון אַ קאָנוס.

ה ו ט ש ו ו ע מ ל - דאס, =ער. זגאל פון שווועמלער

(וורסנ)

וואקסן ס׳רוב אויף די שטאמען פוןביימער.

1922 " די הוטשוועמלער זיינען איינע פון אנדזערע באקאנסטע

|...| ספארן=געוויקסן". 304

איבז א. גאלאמב, 2, 140.

ה ו ט ש י נ ק ע - די, =ס. (רעג פאלעסיע)

328 "א הוידלקע"|קטוו|.

זען הוטעלקע.

(?ב?) ה ו ט ש י = ק ו ט ש י = ט א נ ץ - דער, ~טענץ. בנב.

1935 " לאזט זיך צאפלדיק אוועק אין א פארשייטן

329 הוטשי=קוטשי=טאנץ".

רויזענבלאט, 4, 46.

1948 "|...| בויכטאנץ און |...| הוטשי=קוטשי=טאנץ".

330 י.י. שווארץ, 3, 170.

(?נ?) ה ו ט ש נ ע - אדי. טומלדיק, פריילעך.

% א הוטשנע חתונה.

1972 " די ניי=יאר=פארווײלונג |...| האט צוגעזאגט צו

332/1 זיין גאנץ הוטשנע".

ראזענפארב, 2, 667.

ה ו ט ש ק ע ן  ז י ך  -  (רעג פויליש? לאקל זשעלעכאוו?)

הוידען זיך.

|1959|  " האט דער ברודער זיך געהוטשקעט אויף א ברעט

און איז געגעבן א פאל גלייך אויפן קאנט |...|". 333

י.מ. ווייסנבערג, 13, 98 - 99.

.....................................................

רעד: מיגלעך ס׳איז פארגרייזט אדער פשט פון פוילישן

אין דיאל׳ אוקראיניש איז אויך דא

מיטן טייטש הוידען זיך. אבער ווי

קומט דער פוילישער ווייסנבערג צו אוקראיניש?

.....................................................